ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִיש**

## חַג הַסוּכּוֹת

תשפ"ד

317

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז טַאקֶע גֶעשְׁמַאק צוּ הָאבְּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ? ........ א

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזוּק אִין דִי שְׁוֶועֶרע צַייטְן? ........ ה

מֶעג מֶען אָנְטוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד, דֶענִים אָדֶער רוֹיטֶע קְלֵיידֶער? ........ ח

זָאל אִיךְ פָארְהַאלְטְן מַיין שְׁוֶוער פַארְוָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט מַיין וַוייבּ וֶועגְן אוּמַאן? ........ ט


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אאַ טַעַם גַן עֵדֶן אִין דִי זוּפּ ........ א

זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ אִיבֶּערְזָאגְן וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען ........ ג

אַ מַאן הָאט לִיבּ אַ וַוייבּ וָואס שְׁמֵייכְלְט אוּן אִיז פַּאזֶעטִיוו ........ ד

אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע אִין גַן עֵדֶן ........ ד

אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ ה

אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ פְּלֶעי גְרוּפּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער ........ ה

פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דִי סָארְט הַנְהָגוֹת פוּן סְטְרַאשֶׁען דִי וַוייבּ? ........ ה

פָאלְג דֶעם דָאקְטֶער, הִיטְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה ........ ו

בַּיי אַ נִחוּם אֲבֵלִים, רֶעדְט מֶען נָאר פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט ........ ז

אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן שֶׁערְן דִי הָאר ........ ח

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר ........ ט

נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט אִינְשֵׁי דְלָא מַעֲלֵי ........ י

קוּם וואוֹינֶען פַאר רֶענְט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען קוֹיפְן ........ יא

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד ........ יב

זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן ........ יג

קֵיינֶער קֶען אִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מֶען קֶען נָאר אָנְשְׁרֶעקְן ........ יג

טוּן אַלֶעס וָואס דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ' זָאגְט ........ יד

אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְ'ן עֶנְדִיגְן דֶעם בֵּית הַחַיִּים אוּן דִי נֵייעֶ מִקְוֶה ........ טו

מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן ........ טז

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי סְקוּל ........ טז

דִי תַּלְמִידוֹת זָעעֶן וִוי שֵׁיין אוּן עֶרְלִיךְ דִי לֶערֶערִינְס פִירְן זִיךְ ........ יז

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען ........ יז

פְּרוֹיעֶן עֶסְן אִינְאֵיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען דִי מֶענֶער פָארְן קַיין אוּמַאן ........ יח

דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, מֶען דַארְף קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אַייךְ מֶער צַייט ........ יח

מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה ........ יט

וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי'ן בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג ........ יט

אַייעֶר מַאן וֶועט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת........כ

דִי בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וֶועלְן טַעֲנָה'עֶן פַאר אַייךְ בַּיים כִּסֵא הַכָּבוֹד........כ

אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן אוּן בַּאקְן, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן רֵיינְקֵייט........כ

הַאלְט דַיין שְׁטוּב פְּרִיאַרִיטֶעט נוּמֶער אֵיינְס........כא

פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער דִיסְצִיפְּלִין........כב

קוּם טְרִינְקֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קְוַואל........כב

רֶעדְן נָאר חִזּוּק, נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן........כג

מַאךְ נִישְׁט קַיין פְּלֶענֶער, טוּ צוּ דֶער זַאךְ........כד

לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו וֶועסְטוּ הָאבְן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם........כד

וָואס אִיז תְּשׁוּבָה?........כה

דִי בְּכִיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אַז דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר........כו

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אִין הַאנְט קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער........כז

אַז דוּ פְרֶעגְסְט אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר, פְרֶעג נִישְׁט אִיבֶּער........כז

אִיבֶּערְבֶּעטְן דַארְף מֶען נָאר אוֹיב מֶען הָאט וֵויי גֶעטוּן........כח

דִי נְסִיעָה אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע, אָבֶּער עֶס לוֹינְט........כט

זַיי מוֹחֵל דִי וָואס הָאבְן דִיר וֵויי גֶעטוּן........כט

עֶס אִיז אַ מִלְחָמָה פוּן דִי קְדוּשָׁה מִיט דִי טוּמְאָה........ל

קוּם צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה........לא

מִיר פִירְן זִיךְ אַלֶע צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייס........לב

דִי עֵצָה אוֹיף אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת........לב

מִיר זֶענֶען צוּרִיק מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........לד

מֶען מוּז הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת........לד

רֶעד מִיט דַיין וַוייבּ אִידֶע זַאכְן........לה

אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיז לְטוֹבָה........לז

אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שֶׁעצְן דִי מַאן........לח

זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע שִׂנְאָה פוּן הַארְץ........לח

קְלוֹיבּ מִיר אוֹיס אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג........לט

אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת........מ

טְרַאכְטְן גוּט אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט........מ

נָאכְן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, קֶען מֶען אַהֵיימְלוֹיפְן........מא

עֶר וֶועט זֵיי אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן פַאר זַיין תַּאֲווֹת מָמוֹן........מב

מִיר עֶרְוַוארְטְן נִישְׁט קַיין מַתָּנוֹת, מִיר זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס........מג

גֶעבְּן דִי גֶעפִיל פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי........מג

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן צוּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה........מד

עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, דַארְפְן עֶנְק גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן........מה

יוֹם הַכִּפּוּרִים שְׁנַת ה'תשפ"ד........מה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**אִיז טַאקֶע גֶעשְׁמַאק צוּ הָאבְּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אִיךְ לֵיין עֶס דוּרְךְ פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף יֶעדֶע וָואךְ בַּאזוּנְדֶער, אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן, דִי בְּרִיוְון זֶענֶען אַזוֹי שֵׁיין.

אֵיין בְּרִיוו הָאט מִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דִי בְּרִיוו מִיטְ'ן קֶעפְּל "דִי פֵייעֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ" [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], ווייל אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וָואס אֵיין מִינוּט טְרַאכְט אִיךְ אַז מַיין ווייבּ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן אִיר אֵיידֶעלֶע לְבוּשׁ, אוּן אֵיין מִינוּט טְרַאכְט אִיךְ 'וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס?' דִי בְּרִיוו הָאט מַמָּשׁ אַרַיינְגֶעשְׁנִיטְן אִין מִיר, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין גֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹי הַארְצִיג, אִיךְ הָאבּ עֶבְּט גֶעפִילְט ווִי דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן צוּ מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

נָאכְדֶעם דִי תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט מִן הַסְתָּם צֶען מָאל. אוּן בַּיים סוֹף, דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה פוּן דֶעם בְּרִיוו: "הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְלַאקֶערְן פַאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל אוֹיסְגֵיין פַאר דִיר", דֶער בְּרִיוו הָאט מִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט אַפְּאר מָאל. יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶע בְּרִיוְון.

שְׁכֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט פַאר אוּנְז.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה; נִישְׁטָא אִין דִי וֶועלְט עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פַאר'ן מֶענְטְשׁ, פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת - וִוי אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ אוּן אַן אֵיידֶעלֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער. אֵיידְלְקֵייט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער.

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא דִי אַלֶע וָואס זֵייעֶרֶע שְׁטִיבֶּער זֶענֶען נִישְׁט אֵיידֶל אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט, עֶס אִיז דָארְט גָארְנִישְׁט דָא; נִישְׁטָא קֵיין שִׂמְחָה, נִישְׁטָא קֵיין וַוייבּ, נִישְׁטָא קֵיין מַאמֶע, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט. דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, צוּ מִיר קוּמֶען צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, זֵיי זָאגְן: "אַלֶע זֶענֶען אוּנְז מְקַנֵּא, דִי בִּילְד זֶעט אוֹיס גוּט, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט", אוּן דַוְקָא דִי אֵיידֶעלֶע שְׁטִיבֶּער, דִי וָואס לֶעבְּן בַּאשֵׁיידְן אוּן פָּשׁוּט - דִי וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעטְרֵייִ פַארְן מַאן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, דִי לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם; וִוי פָּשׁוּטְ'עֶר - אַלְץ אִיז מֶען מֶער גֶעטְרֵייִ, מֶען טוּט רְצוֹן בַּעְלָהּ.

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועט דִיר גוּט זַיין; נָאר אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - הָאט מֶען שְׁלוֹם בַּיִת, נָאר אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם - שְׁפִּירְט מֶען דִי גְלִיק אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - וֶוערְט אוֹיס שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיבְּשַׁאפְט גֵייט אַוֶועק, מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט דִמְיוֹנוֹת, מֶען פַארְלִירְט דִי שִׂמְחָה, דִי גְלִיקְלִיכְקֵייט פוּן לֶעבְּן.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא, אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין כָּל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ גְלִיקְלִיךְ מַאכְן. תּוֹרָה מַאכְט רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן, נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט - אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קְרִיגְן, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס קְרִיגְן"; דִי וֶועלְט נַארְט, אוּן וֶוען מֶען מֵיינְט מֶען הָאט דָאס שׁוֹין - זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וֶועלְט אָבֶּער נִישְׁטָא וָואס צוּ דֶערְגְרַייכְן. אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶונְט - וֶוערְט מֶען זַאט, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט - אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גִיס אוֹיס דַיין הַארְץ,

דֶערְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים, דִיבּוּרִים אוּן מַחֲשָׁבוֹת, דֶערְצֵייל אִים וִוי עֶס קָאכְט אִין דִיר אוּן עֶס פְּלַאקֶערְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר פוּן דִמְיוֹנוֹת, אוּן בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין פַארְקָאכְט פַאר דִיר, אִיךְ וִויל פְּלַאקֶערְן פַאר דִיר, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן בְּרֶענֶען צוּ דִיר".

דוּרְךְ אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶועט זִיךְ אוֹיסְלֶעשְׁן דִי נִישְׁט גוּטֶע פֵייעֶר אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

נָאכְאַמָאל, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן גֶעבּ דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, שֶׁעץ אִיר אֵיידְלְקֵייט, וַוייל אַן אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע פְּרוֹי אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**דִי פֵייעֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס דָאס וָואס עֶס קָאכְט אִין דִיר וְכוּ', דוּ ווִילְסְט אֵיין מִינוּט דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן אִיר אֵיידֶעלֶע לְבוּשׁ וְכוּ', אוּן אֵיין מִינוּט טְרַאכְסְטוּ 'וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס?' אוּן נָאכְדֶעם וַוייטֶער הוֹיבְּט אָן קָאכְן אַ פֵייעֶר אִין דִיר, דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, בִּיז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט אִיז מִיט דִיר, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז דָאס?

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי גֶעפִיל אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ; אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאבְּן דִי זַאךְ, עֶס קָאכְט אַ פֵייעֶר, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי ווִילְן; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי מַעֲלָה פוּן אֵיידְלְקֵייט, מֶען מֵיינְט עֶפֶּעס פֶעלְט אִין לֶעבְּן אוּן מֶען טְרַאכְט דִי וַוייבּ אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם, זִי גֵייט צוּ פָּשׁוּט וְכוּ' וְכוּ'.

איךְ בֶּעט דיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, עֶס קָאכְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מִיט מִיר אִיז, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן צְנִיעוּת, פַארְוָואס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ נִישְׁט גוּטֶע פֵייעֶר? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קָאכְן אוּן בְּרֶענֶען צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר, אוּן לִיב הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס אִיז דָאס מִיט מִיר אַז אִיךְ וֶוער אַזוֹי פַארְבְּרֶענְט? אִיךְ ווִיל נָאר מַיין וַוייבּ זָאל זַיין אַנְדֶערְשׁ, יֶעדְן טָאג ווִיל אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר אוּן עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס אִיז דָא בַּיי אַנְדֶערֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְלַאקֶערְן פַאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל אוֹיסְגֵיין פַאר דִיר". אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט בִּיז דוּ וֶועסְט אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי בְּלוּט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן אַיינְזֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אֵיידְלְקֵייט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בִּיסְט דָאךְ אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, בִּיסְט אַ בַּר דַעַת, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען; טְרַאכְט אַרַיין וָואס פַאר אַ נֵס דוּ הָאסְט, אַז דַיין וַוייבּ לֶעבְּט מִיט דִיר וְכוּ', זִי גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִיר וְכוּ', דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מֶער; לֵיידֶער זֶענֶען הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט וָואס דִי וַוייבּ אִיז אַ מוֹרֶדֶת, עֶס אִיז נִישְׁטָא דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "דַיֵּינוּ שֶׁמַּצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אַז דִי וַוייבּ הִיט פוּן עֲבֵירוֹת; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי לַיידְן, זֵיי לֶעבְן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְקַנֵּא, ווַייל מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אִינְדְרוֹיסְן דַאכְט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַ מֶעכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זֵיי זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ, זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אוֹיסְגֶעפִּיצְט וְכוּ', וֶוען עַל פִּי תּוֹרָה קוּמְט זִיךְ נִישְׁט קַיין כְּתוּבָּה פַאר דִי וַוייבּ פַארְן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיז וָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, ווִי אַזוֹי אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן? דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, זִי לֶעבְּט מִיט דִיר - דַארְפְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן אִיר שֶׁעצְן.

נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶוען דִי נִישְׁט גוּטֶע פֵייעֶר לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס, הוֹיבְּט מֶען

אָן זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט און דָאס טֵייעֶרְקֵייט פון אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּב, פון אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, אַ וַוייבּ וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פון דִי וֶועלְט, אִיר קָאפּ לִיגְט אִין שְׁטוּבּ, זִי טוּט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט, זִי אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן, זִי אִיז אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; מֶען הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף דִי לֶעבְּן רִיכְטִיג.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זִיץ אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים און סִפְרֵי רַבֵּינוּ. שְׁפַּאצִיר אִין דִי תּוֹרָה אַזוֹי ווִי מֶען שְׁפַּאצִירְט אִין אַ שֵׁיינֶע גָארְטְן, און דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן, דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן.

לֵיין דִי בְּרִיוו כַּמָּה פְּעָמִים און זַיי מְקַיֵּים וָואס שְׁטֵייט דָא, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

[...

## ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזוּק אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט מָרַת ... בְּשֵׁם מַיין מַאן שֶׁיִחְיֶ'. פַאר אַ יָאר צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, אָנְגֶעזַאפְּט מִיט טְרֶערְן, וָואס וֶועט זַיין?! שׁוֹין אַפָּאר חֳדָשִׁים פון דִי חֲתוּנָה און עֶס הֶערְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין נַייעֶס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוּנְז אַזוֹי שֵׁיין מְחַזֵּק גֶעוֶוען, גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף תְּפִלָּה, צְדָקָה און אֱמוּנָה.

יֶעצְט, יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ווִיל אִיךְ מְבַשֵּׂר זַיין אַז עֶס הֶערְט זִיךְ שׁוֹין אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

דֶער בְּרִיוו פון דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לִיגְט אוּנְטֶער מַיין קִישְׁן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פון דֶעם בְּרִיוו], און דִי וֶוערְטֶער "אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט

קִינְדֶער", הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי חִיזוּק אִין דִי מִינוּטְן וָואס דִי אֱמוּנָה הָאט זִיךְ פַארְלָאשְׁן; יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

מִיר בֶּעטְן כְּסֵדֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ אוּן גֶעזוּנְט פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ מִשְׁפַּחַת ...

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָּבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נִיסִים אוּן חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער; ווַייל ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער זֶעט מֶען נִיסִים אִין לֶעבְּן.

יֶעצְט אִין דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען ווַארְט אוֹיף קִינְדֶער אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, זָאלְן זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; מֶען זָאגְט נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען קֶען פוּן אוֹיסְנֶוויינִיג: **אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא״שׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳**, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאלְן מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַלֶעס זָאל גֵיין גְרִינְג אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**דֶער רֶבִּי גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּם דָאקְטֶער וְכוּ׳; וָואס זָארְגְט אִיר? אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. זָארְגְט נִישְׁט, אִיר הָאט נָאךְ קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

גֵייט נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער פַאר צְוֵויי דְרַיי יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

קוּקְט אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט גוּטֶע עֵצוֹת, שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (אוֹת בָּנִים, סִימָן יח): ״מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם, וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים זְכָרִים״, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער זְכָרִים? ״יִשָּׂא אִשָּׁה הַהוֹגֶנֶת לוֹ״, עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, ״וִיקַדֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בִּשְׁעַת תַּשְׁמִישׁ״, אוּן לֶעבְּן מִיט אִיר בִּצְנִיעוּת, ״וִיבַקֵּשׁ מִמִּי שֶׁהַבָּנִים שֶׁלּוֹ״, אוּן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער.

דֶער מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מַסֶּכֶת נִדָּה, עא.) דִי גְמָרָא פְרֶעגְט: ״מַאי קָא מַשְׁמַע לָן״ אוֹיבּ קִינְדֶער הָאט מִיט תְּפִלָּה - וָואס פֶעלְט אוֹיס חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַן אִשָּׁה הוֹגֶנֶת אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא ״דְּהָא בְּלָא הָא, לָא סַגִּי״, מֶען דַארְף בֵּיידֶע, סֵיי זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אוּן סֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן כב): ״מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים״, וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער? ״יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים״, עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, ״וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ לִפְנֵי תַּשְׁמִישׁ״, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ בִּדְבַר מִצְוָה; קוּק דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי (בֶּן יְהוֹיָדָע, מַסֶּכֶת בָּבָא בַּתְרָא י) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן לִדְבַר מִצְוָה; אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רַב, וָואס שֶׁלֹּא שָׂח

שִׂיחַת חוּלִין, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁמוּעֶסְט סְתַּם זַאכְן, אָבֶּער מִיט זַיין וַוייבּ הָאט עֶר יָא גֶערֶעדְט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סב.) רַב כַּהֲנָה הָאט גֶעהֶערְט דְשָׂח וְשָׂחַק, וִוי רַב שְׁמוּעֶסְט אוּן אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## מֶעג מֶען אָנְטוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד, דֶענִים אָדֶער רוֹיטֶע קְלֵיידֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מֶעג מֶען אָנְטוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד, אַ בֶּעבִּי, רוֹיט אָדֶער דֶענִים קְלֵיידֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען מֶעג אָדֶער אוֹיבּ מֶען זָאל? מֶעגְן - מֶעג מֶען, אָבֶּער פַארְוָואס זָאל מֶען? פַארְוָואס זָאל מֶען אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, פַארְוָואס זָאלְן מִיר וֶועלְן זַיין וִוי דִי גוֹיִם?

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְן אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְן אֵיידְלְקֵייט, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְן דִי תּוֹרָה; דוּרְךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

שֵׁיין אִיז פַארְקֶערְט וִוי דִי גוֹיִם גֵייעֶן, שֵׁיין אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג; ווארויל אִיז דֶעם וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל אוּן טוּט אָן דִי קִינְדֶער אֵיידֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זָאל אִיךְ פָּארְהַאלְטְן מַיין שְׁוֶוער פַארְוָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט מַיין וַוייבּ וֶועגְן אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דִי בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין דֶעם לִיכְטִיגְן גַּן עֵדֶן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם צְוֶועלְפְטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי אַלֶע פוּפְצְן שִׁיעוּרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶענְצְלִיךְ גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ. אוֹיסֶער דֶעם בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה אוֹיךְ צוּ מַאכְן הֲפָצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיךְ פְּרוּבִּיר אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן דָאהִי, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת וָואס מוּטְשֶׁען מִיךְ, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן צַייט מִיר צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

מַיין וַוייבּ הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַסְכִּים גֶעוֶוען אִיךְ זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ פִיר זִיךְ אוֹיף צוּ אִיר זֵייעֶר שֵׁיין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע יָאר, אוֹיךְ מַיין שְׁוֶוער הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְט קֶעגְן דֶעם וָואס אִיךְ פָּאר קַיין אוּמַאן, דֶעם פְּרָאבְּלֶעם הָאט זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַהֵיים. מַיין וַוייבּ דֶערְצֵיילְט מִיר אַז דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן, הָאט מֶען אִיר כְּסֵדֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט, מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּ אִיר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, אוּן דָאס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. וָואס דַארְף אִיךְ יֶעצְט צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אוֹיפְמֶערְקְן אוּן פָארְהַאלְטְן מַיין שְׁוֶוער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיף אַן אֵיידֶעלְן אוֹפְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מַיין וַוייבּ אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָדֶער אִיז בֶּעסֶער צוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט זָאגְן?

צְוֵוייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין כּוֹלֵל בִּיז יֶעצְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר נִישְׁט גֶעגְלִיכְן. יֶעצְט הָאט מֶען מִיר

פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ מְלוּמְדוּת פָּאסְטְן, און אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶענוּמֶען. מַיין שְׁוֶוער אִיז נִישְׁט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, דַארְף אִיךְ דָאס אָפְּלָאזְן, ווייל עֶר זָאגְט מִיר גָארְנִישְׁט וֶועג דֶעם, אָבֶּער דָא אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, עֶר טְשֶׁעפֶּעט מַיין ווייבּ וֶועגְן דֶעם. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט קַיין אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר דַיין שְׁוֶוער, זָאג אִים נָאר דַאנְק וֶוערְטֶער, לוֹיבּ אִים און דַאנְק אִים, זָאג אִים אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס; אַזוֹי וֶועט עֶר דִיר נִישְׁט מַאכְן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, און פַאר דַיין ווייבּ זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב און אִיר דַאנְקֶען אַז זִי הָאט דִיר גֶעלָאזְט גֵיין אוֹיף אוּמַאן.

אַ שְׁוֶוער - און אַזוֹי אוֹיךְ אַ טַאטֶע - דַארְף מֶען זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין; חַס וְשָׁלוֹם טַעְנָה'ן, חַס וְשָׁלוֹם פָארְהַאלְטְן, און אַז זֵיי גֶעבְּן אַ פְּסַק, זֵיי זָאגְן מוּסָר - דַארְף מֶען דָאס מְקַבֵּל זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, און אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - עֶנְטְפֶערְט מֶען נִישְׁט, מֶען טַעְנָה'ט נִישְׁט און מֶען מַאכְט נִישְׁט חוֹזֵק; מֶען הֶערְט אוֹיס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, און נָאכְדֶעם אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָּה אִיבֶּער צוּ קוּמֶען דִי מְנִיעוֹת - פָארְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "דַאנְקֶען גָאט אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אַז מֶען אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן און מֶען הָאט זִיךְ צֶעקְרִיגְט, און אַז עֶס קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר - בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער און מֶען מַאכְט שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ טַעַם גַן עֵדֶן אִין דִי זוּפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, טְרַאכְט נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע פוּן אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַיֶּ׳ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וִויפִיל וַוארְטְן אוֹיף דִי בְּרִיוו, גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת וַוארְטְן וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין אַרוֹיס נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, נָאךְ אַ סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, זֵייעֶר גַאנְצֶע שַׁבָּת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן נָאר דִי בְּרִיוו אִיז זֵיי מְחַזֵּק.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ עֶסְן, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן עֶר זָאל עֶפֶּעס טוֹעֵם זַיין צוּ הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶעבְן.

אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: ״עֶס אִיז דָא אַ זוּפּ וָואס אִיךְ הָאבּ יָארְן צוּרִיק גֶעגֶעסְן, אַ גוּטֶע זוּפּ, אַ גֶעשְׁמַאקֶע זוּפּ; גֵיי צוּ דֶעם דָארְף, צוּ דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן בֶּעט פוּן דִי פְרוֹי זָאל דִיר גֶעבְן פוּן דִי גוּטֶע זוּפּ, ׳טֵייגְל יוֹהְךְ זוּפּ׳, וַוייל נָאר דִי אֵיין זוּפּ קֶען אִיךְ פַארְנֶעמֶען״.

דֶער זוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, ׳וואוּ קֶען זַיין דֶער צַדִיק זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ זוּפּ וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן שׁוֹין לַאנְג צוּרִיק אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דֶער צַדִיק אִיז הֶעכֶער פוּן גֶעדֶענְקֶען אַ טַעַם פוּן אַ זוּפּ...׳ אָבֶער אַז דֶער צַדִיק זָאגְט - פָּאלְגְט מֶען; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם דָארְף, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דִי פְרוֹי פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אוֹיבּ זִי קֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ טֵייגְל יוֹהְךְ זוּפּ.

נָאכְן קָאכְן דִי זוּפּ הָאט מֶען אִיר גֶעבֶּעטְן זִי זָאל אוֹיסְזָאגְן דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַזַא גוּטֶע זוּפּ, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אָרֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי זוּפּ, אִיךְ שְׁטֶעל אַ טָאפּ, אִיךְ לֵייג אַרַיין וַואסֶער אוּן אַבִּיסְל שָׁאלַאכְץ פוּן מֵייעֶרְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳גְרוֹיסֶער גָאט, דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ גַן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר, לֵייג אַרַיין אִין דִי טָאפּ אַבִּיסְל טַעַם גַן עֵדֶן׳, דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זוּפּ".

דֶעמָאלְט הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר דַארְף פוּן יֶענֶעם זוּפּ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת; אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ פְרוֹי, אַז זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ - קֶען זִי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ גַן עֵדֶן לֶעבְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין פוּן הַיינְט אָן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וִוי אַ פְרוֹי שְׁטֵייט אִין אַ קָאךְ בַּיים טָאפּ, אִינֶעם טָאפּ אִיז דָא וַואסֶער, נֶעבְן טָאפּ אִיז דָא אַ זֶעקְל מֶעל אוּן דִי פְרוֹי קוּקְט אַרוֹיף אוּן בֶּעט אַ תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ אִיבֶּערְזָאגְן וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג נִישְׁט אִיבֶּער וֶוערְטֶער, אִיבֶּערְזָאגְן וֶוערְטֶער אִיז אַ נֶערְוְון זַאךְ; עֶנְדֶערְשׁ זָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת מִיט גְרַייזְן וִוי דַיין פַארְנוּמֶען צוּ אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי וֶוערְטֶער מִיט דִי גְרַייזְן.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, דוּ זָאג וַוייטֶער גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת - אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן וֶוען מֶען דַאוֶונְט, אֲפִילוּ עֶס אִיז גְרַייזִיג. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): ״אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא ׳וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה׳״, אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳״ מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר מִיט אַ גְרַייז ״וְאָיַבְתָּ״ מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): ״וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה״, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיינֶע גְרַייזְן; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דָאס וָוארְט מִיט אַ פַארְקֶערְטֶע בַּאדֵייט - דָאךְ הָאט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין טֶערֶעפִּי, טֶערֶעפִּי הֶעלְפְט נִישְׁט, דֶער טֶערֶעפִּיסְט קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אִיז וִוי אַזוֹי קֶען עֶר אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְן... בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן קָאפּ דִי נֶערְוֶוען זַאךְ פוּן אִיבֶּערְזָאגְן וֶוערְטֶער בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ מַאן הָאט לִיבּ אַ וַוייבּ וָואס שְׁמֵייכְלְט אוּן אִיז פַּאזֶעטִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ מַאן הָאט לִיבּ אַ וַוייבּ וָואס שְׁמֵייכְלְט, אַ וַוייבּ וָואס אִיז פַּאזֶעטִיוו; צוּ אַזַא וַוייבּ קוּמְט מֶען אַהֵיים, אוֹיף אַזַא וַוייבּ קוּקְט מֶען אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַז דִי וַוייבּ בְּלָאזְט אוּן קְרִיטִיקִירְט כְּסֵדֶר דֶעם מַאן - זוּכְט זִיךְ דֶער מַאן תֵּירוּצִים נִישְׁט אַהֵיים צוּ קוּמֶען.

זַייט קְלוּג, זַייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל, זַייט פַּאזֶעטִיוו, זוּכְט אִין אַייעֶר מַאן נָאר דָאס גוּטְס.

זָאגְט יֶעדְן טָאג כָּאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע אִין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דָאס וֶועט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אִין גַן עֵדֶן, אִיר נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען צוּ שְׁפִּירְן אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### אַבּיסל תְּהִלִּים וֶועט אַייך בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

... תִּחְיֶ׳

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבּיסְל תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועט אִיר וֶוערְן נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְקְט אִים פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און בֶּעטְס פַאר אַייךְ און פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, וַוייל הֶעלְפְן אַ מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט בַּיי דֶעם וָואס אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ פְּלֶעי גְרוּפּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

עֶס אִיז גוּט אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳ זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ פְּלֶעי גְרוּפּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דָארְט וֶועט זִי מֶער אוֹיפְטוּן וִוי זִיצְן נָאךְ אַ יָאר אִין סֶעמִינַאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, גְרִינְג און גוּט, אִיר זָאלְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג און רֵיין און זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דִי סָארְט הַנְהָגוֹת פוּן סְטְרַאשֶׁען דִי וַוייבּ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר? וֶוער פַארְדְרֵייט דִיר דֶעם קָאפּ? פוּן וואוּ

נֶעמְסְטוּ דִי סָארְט הַנְהָגוֹת פוּן סְטְרַאשֶׁען דִי וַוייבּ? ! דָאס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם אִיר נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען מִיטְן נִישְׁט גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן.

בִּכְלַל, פַארְוָואס דֶערְצֵיילְסְטוּ דַיין טַאטְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ? וָואס דַארְף עֶר ווִיסְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט מַאכְן אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, רוֹב גִיטִין קוּמְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַרַיין אִין דִי לֶעבְּן פוּן דִי קִינְדֶער, דוּ זָאלְסְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן אַרַיינְמִישְׁן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; קוּק וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט, דַיין טַאטֶע הָאט גֶערוּפְן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִיר טַאטֶע, אוּן יֶעצְט בְּרֶענְט אַ פַייעֶר.

אַז זִי ווִיל נִישְׁט קוּמֶען צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זִי וֵוייסְט נִישְׁט ווִי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן, נָאכְמֶער מְחַזֵק זַיין אוּן נָאכְמֶער דַן זַיין לְכַף זְכוּת; זִי הָאט נִישְׁט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן. דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁווִיגֶער, אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן.

רֶעד צוּם גַבַּאי פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט דִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן ווַייזְן דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, דִי רַחְמָנוּת פוּן רֶבִּי'ן - ווִי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### פָאלְג דֶעם דָאקְטֶער, הִיטְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תָּבֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט דִי זַאכְן; אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט

עֶס פֶּעלְט אַייךְ אַייזְן און מֶען פַּארְשְׁרַייבְּט אַייךְ צוּ נֶעמֶען טַאבְּלֶעטְן פוּן אַייזְן - דַארְף מֶען דָאס טוּן, דָאס אִיז עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם" (דְּבָרִים ד, טו), הִיטְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, בִּפְרַט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ, און קֶען זַיין, דֶערְפַאר אַז עֶס פֶּעלְט אַייךְ אַייזְן - זֶענְט אִיר אַ גַאנְצְן טָאג מִיד און אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טוּן.

הִיטְס אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט און אוֹיף אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, דָאס אִיז וִויכְטִיגֶער וִוי גֵיין הֲפָּצָה; יֶעצְט הָאט אִיר אֵיין מִצְוָה: זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בַּיי אַ נִחוּם אֲבֵלִים, רֶעדְט מֶען נָאר פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶער זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער אַזוֹי שֵׁיין, מִיר זֶענֶען נֶעכְטְן נַאכְט אַהֵיים גֶעפָארְן; עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי וָואכְן צוּ דִי נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין מִשְׁפַּחַת פִּישׁ, זֵיי זִיצְן שִׁבְעָה אִין שְׁטֶעטְל נָאךְ זֵייעֶר בְּרוּדֶער יוֹאֵל מֹשֶׁה יִצְחָק עָלָיו הַשָּׁלוֹם. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין פוּנְדָאסְנֵיי נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְצֵייגְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן, מִיר זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי אַ נִחוּם אֲבֵלִים, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם נִפְטָר׳ס גוּטֶע מַעֲשִׂים, פוּן זַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, פוּן זַיין תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

נֶעכְטְן בַּיים זִיצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן

אוֹיף אִים, וִוי עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק. אוֹיךְ הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַלְץ מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף מִקְוֶה אוּן אוֹיף דַאוֶונֶען, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי תְּפִלִּין אוּן עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מִיט אֱמוּנָה. אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אַז נָאר דָאס בְּלַייבְּט, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין - נָאר דָאס בְּלַייבְּט; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט וְויפִּיל הַייזֶער עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן וֶועגְן זַיין בִּיזְנֶעס, מֶען הָאט גֶערֶעדְט נָאר זַאכְן וָואס אִיז חָשׁוּב.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן לוֹיף אִין שׁוּל דַאוֶונֶען. טַאנְץ אַרַיין אִין מִקְוֶה, כַאפּ אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ חוּמָשׁ, אַ תְּהִלִּים אוּן כַאפּ אַרַיין גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה אוּן בַּאלְד אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן שֶׁערְן דִי הָאר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיר זָאגְט תְּהִלִּים; אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי פִיר אוּן דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צְוֵויי קַבָּלוֹת אִין דֶער זַאךְ פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. אֵיינְס, דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גֵיין מִיט אָפֶענֶע הָאר אִין שְׁטוּב, אַז דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע קְלָלוֹת, אוּן אַז דִי שֶׁענְסְטֶע

זַאךְ, דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ - אַז אַ פְּרוּוֵ זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֶׁערְן אִירֶע הָאר, מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט זִי אַרַיין הֵיילִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס קוּמֶען הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת; נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וָואס דָאס אִיז אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר.

צְוֵוייטְנְס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען דִי פְּרוּוֵ דָאס צוּ טוּן, מֶען זָאל נָאר רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט, פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט דֶערְפוּן אוּן מְחַזֵק זַיין צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אָבֶּער נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען.

דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ אַייךְ נָאר מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט דַאוֶועןֶען, זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין, דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַייךְ דָאס צוּ טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לֵיינְט אִיר אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, אוּן דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועט אִיר קוּמֶען צוּ אַ קְלָארְקֵייט, אִיר וֶועט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר; אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי הוֹיז זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת. הָאסְט אַ קְלֵיינֶע הוֹיז אוּן אַ יוּנְגֶע וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג אַרַיינְצוּנֶעמֶען גֶעסְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט בָּחוּרִים - אֲפִילוּ קְרוֹבִים, אוּן אַז דוּ נֶעמְסְט אַרַיין דַיין בְּרוּדֶער אוּן עֶר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין; וֵויי גֶעוַואלְד, עֶס אִיז דָאךְ אַן אִיסוּר יִחוּד, דוּ גֵייסְט אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי אוּן דוּ לָאזְט אַ בָּחוּר שְׁלָאפְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ - דָאס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס אִיז רִיכְטִיג, אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ אַרַיינְנֶעמֶען צוּ מִיר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן (דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, אַז דַיְקָא דִי בָּחוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי - דִי זֶענֶען גֶעוָוארְן פַאר מִיר גְרוֹיסֶע עַזּוּת פְּנִימְ'עֶר), בִּיז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ בָּחוּר אַז עֶר הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ הֵיימְלָאזֶער - אַז עֶר שְׁלָאפְט בַּיי מִיר - הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעקוּקְט שְׁטְרֶענְג אוּן גֶעזָאגְט קְלָאר אוּן שַׁארְף: "נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ"; פוּן יֶענֶע נַאכְט הָאט זִיךְ בַּיי מִיר אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ פַארְמַאכְט דִי שְׁטוּבּ, אַוֶועק גֶעשִׁיקְט דִי בָּחוּרִים.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ צַדִּיק עֶר זָאל מִיךְ מַדְרִיךְ זַיין אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, זָאגְן וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט אִינְשֵׁי דְּלָא מַעֲלֵי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַארְפְסְט זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט אִינְשֵׁי דְּלָא מַעֲלֵי. דָאס אַלֵיין אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי אַן אַפִּיקוֹרֶס, אַ אִיד וָואס מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי תּוֹרָה, מַאכְט חוֹזֶק פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים - אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, הָאסְט גֶעדַארְפְט אַלֵיין ווִיסְן אַז עֶר וֶועט דִיר בַּיים סוֹף בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אוּן אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן; וַוייל אַ אִיד וָואס לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן דִי תּוֹרָה, עֶר שְׁפֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזַא אֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ וֶועם מֶען קֶען גֶעטְרוֹיעֶן; יֶעצְט זֶעסְטוּ אִין וָואס פַאר אַ פְּלָאנְטֶער דוּ בִּיסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**קוּם וואוֹינֶען פַאר רֶענְט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען קוֹיפְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ פַאר יֶעדֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה וָואס קוּמְט אוּן ווִיל זַיין אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע קְהִלָּה.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל; מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ זַאךְ, מִיר פַארְקוֹיפְן מֶער נִישְׁט קַיין הַייזֶער פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - קֶען זִיךְ מֶעלְדְן צוּם וַעַד וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, זָאל דִינְגֶען אַ דִירָה אוּן קוּמֶען וואוֹינֶען, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיף אוֹיף דִי לִיסְטֶע פוּן קֶענֶען קוֹיפְן. ווַייל ווִי דוּ ווֵייסְט אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער צוּ קוֹיפְן נֵייעֶ הַייזֶער, עֶס קוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיף קַיין סַאךְ נֵייעֶ הַייזֶער אוּן אוֹיךְ בּוֹיעֶן גֵייט שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁטַייטֶער, אוּן מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל הָאבְּן טַעֲנוֹת פַארְוָואס מֶען פַארְקוֹיפְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיס וואוֹינֶען. לֶעצְטְנְס הָאבְּן זִיךְ אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת גֶעקוֹיפְט הַייזֶער פַאר זוּמֶער אוּן נָאכְן זוּמֶער זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט, מֶען הָאט טַעֲנוֹת פַארְוָואס מֶען שְׁטֶעלְט נִישְׁט צוּ קוֹדֶם פַאר דִי אַיינְוואוֹינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט; דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ זַאךְ, נִישְׁטָא מֶער פַארְקוֹיפְן אַ הוֹיז פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן, אִיךְ אַרְבֶּעט גָאר

שְׁוֶוער פַאר דִי שְׁטֶעטְל, אִיךְ ווִיל נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי אַיינְוואוֹינֶער; קוּם וואוֹינֶען פַאר רֶענְט אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען קוֹיפְן.

קוֹיף זִיךְ אַ בַּיִת נִצְחִי, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ'בְלִי, אַ בְּלַאט יְ'רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ'וֹסֶפְתָּא, דִי דְרַיי לִימוּדִים אַז מֶען לֶערְנְט - בּוֹיט מֶען זִיךְ אַן אֵייבִּיגֶע הוֹיז. דִי הוֹיז פוּן צִיגְל אוּן לַיים - לָאזְט מֶען אִיבֶּער דָא, אָבֶּער דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה דָאס אִיז אַן אֵייבִּיגֶע הוֹיז, דָאס אִיז אֱמֶתְ'עֶ רַייכְטוּם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָ' ג, ז): "'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה', זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא - אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן, אוּן פַארְקֶערְט, דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וְכוּ' - דֶער אִיז אַן עוֹשֶׁר, דֶער הָאט אַ הוֹיז פַאר אֵייבִּיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָּבֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט עֶנְטְפֶערְן פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ אִינְגְל, אַ מֵיידְל: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גֶעזוּנְט קִינְד, פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
טֵייעֶרְער חָבֵר, טֵייעֶרְער מְחוּתָּן

וָואס מֵיינְסְטוּ, אִיךְ בִּין גֶעמַאכְט פוּן אַייזְן? אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ? אוֹי וִוי צֶעבְּרָאכְן אִיךְ בִּין, אִיךְ שְׁפִּיל דֶעם שְׁפִּיל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מֶען אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַלְץ גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אַלְץ גֶעוֶוען מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אָבֶער אִין אָפִּיס פְּרִיוַואט פְלֶעגְט עֶר אַזוֹי וֵויינֶען... מֶען פְלֶעגְט קֶענֶען אַרוֹיסְהֶערְן אַזֶעלְכֶע בְּכִיּוֹת... בִּבְחִינַת (יִרְמְיָ׳ יג, יז): ״בְּמִסְתָּרִים תִּבְכֶּה נַפְשִׁי מִפְּנֵי גֵוָה״, וָואס שְׁטֵייט בַּיים אֵייבֶערְשְׁטְן, וִוי כִּבְיָכוֹל עֶר וֵויינְט אִין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, ״בְּבָתֵּי גַוָּאֵי״, אָבֶער ״בְּבָתֵּי בְּרָאִי״ - אִיז (דִּבְרֵי הַיָּמִים א טז-כז): ״עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ״ (חֲגִיגָה ה:).

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גוּט צֶעבְּרָאכְן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט וָואס מֶען מֶעג וַוייזְן פַאר אַנְדֶערֶע, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער חָבֵר, מַיין לִיבֶּער מְחוּתָּן, גֵיי אָן בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז; גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, הַאלְט אָן דִי דְרֵיי זַאכְן: גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת, קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים, טַאקֶע זַיין מְנַהֵל, נִישְׁט נָאר דֶעם טִיטוּל אוּן אוֹיךְ מַאכְן חִיזּוּק יוֹמִי וְכוּ׳.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זַיין אַ מְחוּתָּן מִיט דִיר.

...

## קֵיינֶער קֶען אִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מֶען קֶען נָאר אָנְשְׁרֶעקְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער טוּן גוּטֶע זַאכְן, זִי זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער; זַיי הֶעלְפְן מִיט שִׁידוּכִים אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן חֲתוּנָּה צוּ הָאבְּן. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דֶעם, בִּפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס

קוּמֶען פוּן צֶעטֵיילְטֶע שְׁטִיבֶּער, דִי צֶערִיסֶענֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַזוֹי פַארְוָואגְלְט אוּן קֵיינֶער פָּארֶעט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; קֵיינֶער קֶען אִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מֶען קֶען נָאר אָנְשְׁרֶעקְן; מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, אוּן דָאס וָואס אִיר טְרַאכְט אִיר ווִילְט נִישְׁט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּען מִיטְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אִיר זָאגְט 'מֵילָא דִי צַדִיקִים - זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת דֶערְפַאר, אָבֶּער אִיר הָאט מוֹרָא אַז עֶס וֶועט אַייךְ שָׁאטְן'; ווִיסְן זָאלְט אִיר, אַז מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ צַדִיקִים, מֶען אִיז מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן - הָאט מֶען דִי כֹּחוֹת אוּן עֶס שַׁאדְט נִישְׁט.

זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל וַוייטֶער טוּן אִיר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## טוּן אַלֶעס וָואס דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' זָאגְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֶעלְפְן דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא; מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת - דִי זַאכְן נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט טוּן אַלֶעס וָואס דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' זָאגְט, זַייט אִיר רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן טוּט נָאר וָואס זִי זָאגְט אַייךְ. אַז זִי זָאגְט עֶפֶּעס אוּן אִיר פַארְשְׁטֵייט פוּן מִיר אַנְדֶערְשׁ - זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן וָואס זִי זָאגְט, וַוייל דָאס אִיז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ פְּלַאץ, אַז דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן אַרְבֶּעטֶערְס אַרְבֶּעטְן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם; ווִי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט מַחֲלֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם - צֶעפַאלְט אַלֶעס. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, זַייט דִי מְנַהֶלֶת'ס רֶעכְטֶע הַאנְט, טוּט וָואס זִי בֶּעט, אַלֶעס מִיט שִׂמְחָה; מִיט דֶעם וֶועט אִיר מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְ'ן עֶנְדִיגְן דֶעם בֵּית הַחַיִּים אוּן דִי נֵייעֶ מִקְוֶה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט שַׁאפְן גֶעלְט מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין אוּן נִישְׁט צוּזַאמְבְּרֶעכְן.

יֶעצְט דַארְף אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בֵּית הַחַיִּים, מִיר דַארְפְן פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי בֵּית הַחַיִּים. אוֹיךְ דַארְף אִיךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי מִקְוֶה טָהֳרָה אִין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט פוּן שְׁטֶעטְל.

עֶס אִיז דָא נָאךְ זַאכְן, אָבֶּער דִי צְוֵויי זַאכְן דַארְף אִיךְ וִויכְטִיג אוֹיף יֶעצְט.

לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים; אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט פַארְטָאגְס צוּ לֶערְנֶען אִין שׁוּל. פַארְטָאגְס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁטָא וָואס צוּ עֶרְלֶעדִיגְן, מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, טוּ כָּאטְשִׁיג אִין שְׁטֶעטְל וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, וָואס הָאט מֶען פוּן שְׁטֶעטְל אַז מֶען גֵייט נִישְׁט הִתְבּוֹדְדוּת צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט חַס וְשָׁלוֹם בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי גֶעשְׁוִוּיסְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער דַארְפְן קוּמֶען זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן, וַוייל עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה - דַארְף מֶען נִישְׁט גֵיין; מוֹהֲרַאַ״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים: ״אַז מֶען זוּכְט זִיךְ - טְרֶעפְט מֶען, דֶערִיבֶּער זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן״.

עֶס אִיז דָא אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (חֵלֶק ב׳ סִימָן א, אוֹת יא) אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן טְרֶעפְן אַ גֶעווִיקְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַלֶע סָארְט גֶעוִויקְסְן, וִוי אַזוֹי עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ, בַּיי אַ טֵייל אִיז דָאס אַ גֶענֶעטִישֶׁע (דְזְשִׁינֶערִיק) זַאךְ, עֶס קוּמְט נָאךְ פוּן דִי עֶלְטֶערְן; דָארְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן מִיט תְּפִלָּה.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה, אוּן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵייַ דִי סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵייַ דִי סְקוּל.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט טְרֶעפְן שְׁנֶעל אַייעֶר שִׁידוּךְ.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי תַּלְמִידוֹת זֶעעֶן ווִי שֵׁיין אוּן עֶרְלִיךְ דִי לֶערֶערִינְס פִירְן זִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

דִי תַּלְמִידוֹת קוּקְן אַייךְ זֵייעֶר אַרוֹיף, זֵיי נֶעמֶען אָן יֶעדֶעס וָוארְט. אוֹיךְ ווִילְן זֵיי אוֹיךְ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ טִיכְל, וַוייל זֵיי זֶעעֶן ווִי שֵׁיין אוּן עֶרְלִיךְ דִי לֶערֶערִינְס פִירְן זִיךְ; אִיר מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן; אַז דוּ פָּארְסְט אוֹיף אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְפְסְטוּ זָארְגְן פַאר אִיר, קֶענְסְט אִיר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן פַּארְטִי׳עֶן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אָפְּן אוֹיבְן דִי סְפָרִים פוּן לֶעבְּן אוּן דִי סְפָרִים פוּן טוֹיט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ נֶעמֶען אַ דִירָה פוּן אַפָּאר חַבֶרְטֶ׳עס אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען; זִי הָאט חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, זָאלְסְט אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ גֵיין צוּ זֵיי.

בִּיסְט אַזוֹי טֵייעֶר, בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ שֵׁיין אוּן וֵוייךְ, זִי אִיז אַ צַדֵיקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פְרוּיעֶן עֶסְן אִינְאֵיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען דִי מֶענֶער פָּארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיר טוּט אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִשְׁפָּחוֹת עֶסְן דִי סְעוּדוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דִי מֶענֶער זֶענֶען אִין אוּמַאן; אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת וֶועלְן הֲנָאָה הָאבְּן, בִּפְרַט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב׳דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען זָאל בֶּעטְן אַפָּאר דָאלֶער פוּן יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה פַאר גֶעצֵייג אוּן עֶסְן וְכוּ׳; מֶען קֶען בֶּעטְן גֶעלְט, אָבֶּער אַז אֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט יֶענֶעם אַרוֹיסְשִׁיקְן, מֶען זָאל יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְנֶעמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי חֶסֶד אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים וָואס אִיר טוּט - זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, מֶען דַארְף קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אַייךְ מֶער צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא

נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַייעֶרֶע זְכוּתִים וָואס אִיר הָאט פוּן וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זַיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָּׁה וּצְנִיעוּת אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת.

עֶס אִיז גוּט אַז אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין אַ טִיטְשֶׁער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, הֱיוֹת דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער - דַארְפְן דִי קִינְדֶער אוּן דִי לֶערֶערִינְס אַ מְנַהֶלֶת וָואס מֶען קֶען רֶעדְן וְכוּ׳; כָּל זְמַן דִי מוֹסָד אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט אִיר גֶעקֶענְט זַיין מְנַהֶלֶת אִינְאֵיינֶעם מִיט טִיטְשְׁן, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף מֶען קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אַייךְ מֶער צַייט.

אִיךְ וַוארְט יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף צוּ הֶערְן אַ בַּארִיכְט פוּן סְקוּל.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיר הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער, פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה.

שְׁכֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר בֵית פֵיגָא אוּן פַאר אַלֶעס וָואס אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר טוּט פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י״ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן בֵּית פֵיגָא אַזוֹי גֶעטְרֵיי; סֵיי אִיר אוּן סֵיי אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן.

וָואס מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן - אִיז נִצְחִיּוּת, עֶס בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אַייעֶר מַאן וֶועט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶר וֶועט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִין שְׁטוּב וְכוּ׳, אָבֶּער עֶס לוֹינְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דִי בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וֶועלְן טַעְנָה׳עֶן פַאר אַייךְ בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכוּתִים אִיר הָאט, וְוִיפִיל מִילְיָאנֶען מַלְאָכִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דִי יָאר אַלֵיינְס פוּן אַייעֶר צְנִיעוּת, פוּן אַייעֶר בַּאשֵׁיידְנְקֵייט; דִי אַלֶע בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וֶועלְן שְׁטֵיין בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד אוּן טַעְנָה׳עֶן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן אוּן בַּאקְן, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן רֵיינְקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, הֱיוֹת אִיר זֶענְט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין בֵּית

פֶיגָא זֵיי צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען קָאכְן אוּן בַּאקְן, זָאלְט אִיר פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא; אִיךְ וִויל קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען לֶערְנְט אִידִישׁ, עֶנְגְלִישׁ, נֵייעֶן, קָאכְן, בַּאקְן; מֶען מוּז זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ זַאךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן, זוּמֶער הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ גֶעאַרְבֶּעט אִין קָאךְ, אָבֶּער דֶער מֶענִידְזְשֶׁער הָאט מִיר גֶעוִויזְן בִּילְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען פְלֶעגְט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קָאךְ; אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַז דֶער גוֹי וָואס רֵיינִיגְט פְלֶעגְט שִׁיקְן בִּילְדֶער פַארְן מֶענִידְזְשֶׁער, אִים וַוייזְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס קָאכְן, זֵיי הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קָאכְט אוּן מֶען בַּאקְט אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן שְׁמוּצִיג.

אַרְבֶּעטְס מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גֶעדוּלְד; דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוּיל, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּן פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן רֵיינְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הַאלְט דַיין שְׁטוּב פְּרִיאַרִיטֶעט נוּמֶער אֵיינְס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן, דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, וַוייל מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק אוֹיף הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, זַיין אִין שְׁטוּבּ בְּגוּף וּבְמֹחַ.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אַ וַוייבּ שְׁפִּירְט אוֹיבּ דֶער מַאן אִיז דָא פַאר אִיר אָדֶער עֶר דְרֵייט מִיט אִיר אַרוּם, אַז זִי הָאט הִילְף פוּנֶעם מַאן קֶען זִי בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ הֶעכֶער אַלֶעס אוּן דָאס זָאל זַיין פְּרִיאַרִיטֶעט נוּמֶער

אֵיינְס, אַזוֹי וֶועט דַיין וַוייבּ הָאבְּן כֹּחַ אוּן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן עֶנְק אוֹיפְצִיעֶן הֶערְלִיכֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל - דַארְף אִיךְ אֵיין זַאךְ, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס צוּ הֶערְן ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ; אִיךְ וֶוער פוּן דֶעם קְרַאנְק אוּן אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט פַארְעֶקְלְט פוּן זִיךְ גֶעפִינֶען צְוִוישְׁן מַחֲלֹקֶת.

...

## פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער דִיסְצִיפְּלִין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס אִיז דִי וֶועג; זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי וֶועג, אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ; דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָא רֶעדְט מֶען פוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען "דֶרֶךְ אֶרֶץ".

הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף ׳דֶרֶךְ אֶרֶץ׳, פַארְלַאנְגְט פוּן דִי קִינְדֶער דִיסְצִיפְּלִין; אַז וֶוען אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט - קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אַייךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ טִיטְשֶׁער וָואס אִיז שְׁטְרֶענְג אוּן הַארְצִיג; אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ דִי קִינְדֶער - קֶען מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ פַארְלַאנְגֶען.

...

## קוּם טְרִינְקֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס קְוַואל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען; פַארְוָואס קוּמְסְטוּ מֶער נִישְׁט טְרִינְקֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס קְוַואל? אִיךְ ווִיל

זִיךְ מִיט דִיר מְחַזֵק זַיין, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים, קוּם צוּם דַאוֶוענֶען, שְׁטוּפּ אַרַיין דֶעם קָאפּ צְוִוישְׁן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אוּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כוּלָהּ, עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). גֵיין מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, פוּן "אֶחָד הָיָ' אַבְרָהָם", מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### רֶעדְן נָאר חִזוּק, נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים זָאגְן מִיר וֶועכְנְטְלִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דַיינֶע דִיבּוּרִים וָואס דוּ רֶעדְסְט בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. דוּ גִיסְט אַזוֹיפִיל חִיזוּק; אֲפִילוּ אַ טְרוּקֶענֶער וֶוערְט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען פוּן דִי פֵיינֶע זִיסֶע קְוַואל וַואסֶער וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

רֶעד נָאר חִיזוּק; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אַלֶע וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל - דִי זֶענֶען זֶעקְלֶעךְ צָרוֹת, זֶעקְלֶעךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט יֶעצְט אוֹיף קְרִיטִיק, מֶען דַארְף זֵיי בַּאגִיסְן מִיט עֶמֶערְס וַואסֶער, חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

לֵיין פָּאר בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, אָדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ'.

...

## מַאךְ נִישְׁט קַיין פְּלֶענֶער, טוּ צוּ דֶער זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר פַאר אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בַּאגְלִיקְן עֶנְק זָאלְן קֶענֶען עֶרְצִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער לַתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

טֵייעֶרֶער ..., זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס; אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן, אָדֶער קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָדֶער אַ גְרוֹיסֶער לֵיידִיגְגֵייעֶר; אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִין וַואלְד קֶען מֶען זַיין אָדֶער אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן עוֹסֵק זַיין אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, אָדֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶער הוּלְטֵיי"; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי - קֶען מֶען נָאךְ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת פַארְטָאגְס, נָאכְדֶעם לֶערְנֶען אַפָּאר שָׁעָה שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן נָאכְדֶעם אָנְהוֹיבְן דֶעם טָאג.

מַאךְ נִישְׁט קַיין פְּלֶענֶער, טוּ צוּ דֶער זַאךְ. עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס ווָאוֹינֶען שׁוֹין פִיר יָאר אִין שְׁטֶעטְל אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין לֶערְנֶען; טוּ צוּ דֶער זַאךְ, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, טוּ גָארְנִישְׁט בַּייְנַאכְט.

...

## לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו וֶועסְטוּ הָאבְן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אוּן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מִיט אַ גְרוֹיסֶע וַוייסֶע בָּארְד, הָאט רֶבִּי נָתָן אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַ וַוייסֶע בָּארְד אוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?!" וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים - וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּפְרַט אִין דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל; אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.

...

### וָואס אִיז תְּשׁוּבָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? תְּשׁוּבָה אִיז זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְקַבֵּל זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל אִיז: "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו), וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען נֶעמְט אָן אַלֶעס בְּאַהֲבָה; צִי אִיז עֶס אַ שָׁאדְן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן, מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כֶּתֶר, צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

וֶוער נִישְׁט בְּכַעַס, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זוּךְ אַ ווִינְקְל אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם; וָואס וֶוער אִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט? וָואס פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער? וָואס קְרִיג אִיךְ זִיךְ מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם? וָואס אִיז מִיט מִיר?"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי בְּכִיּוֹת פוּן צַדִיקִים אַז דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי בֶּעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אַז דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן זֵייעֶר הָאר אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אֲפִילוּ אַפָּאר הָארְלֶעךְ.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְן מִיר, דִי בְּכִיּוֹת וָואס עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען לֵיל כָּל נִדְרֵי אוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּן, וֶוער עֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דִי וֶוענְט הָאבְּן מִיט גֶעוֵויינְט; עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, אַלֶע הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת. דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר צוּרִיק אוּן מֶען זֶעט וָואס פַאר אַ קְדוּשָׁה עֶר הָאט אַיינְגֶעזֵייט אִין דִי וֶועלְט, עַד הַיּוֹם גֵייעֶן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

מִיר דַארְפְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ צַדִיק אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס זָאל אוּנְז אוֹיךְ אוֹיסְוַואשְׁן אוּנְזֶער קָאפּ, אוּנְזֶער מֹחַ; מִיר זָאלְן נָאר וֶועלְן טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן נָאכְמַאכְן דִי גַאס, צְנִיעוּת זָאל זַיין בַּיי אוּנְז שֵׁיין.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה נֶעמְט מֶען אַפִּיר אַלֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂים פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אוֹיפְן וָואגְשָׁאל, דָאס וֶועט אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווארוּל אִיז אַייךְ אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אִין הַאנְט קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

ווארוּל אִיז אַייךְ אַז אִיר נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין הַאנְט קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער; אַזוֹי וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

עֶס רַייסְט דִי הַארְץ צוּ זֶען וָואס פַּאסִירְט יֶעצְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, וִויפִיל אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער וֶוערְן חָרוּב דוּרְךְ דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט אוּן קָאמְפְּיוּטֶער; מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא צָרָה זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט - וִוי דִי צָרָה פוּן אִינְטֶערְנֶעט.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קַאפִּיטְל, אוּן וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְשְׁרַייבְּן בַּיים לֶעצְטְן בְּלַאט ׳גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל׳, ׳גֶעעֶנְדִיגְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל׳; עֶס אִיז גוּט צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן, עֶס גֶעבְּט אַ שְׁטוּפּ צוּ זָאגְן נָאךְ אוּן נָאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַז דוּ פְרֶעגְסְט אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר, פְרֶעג נִישְׁט אִיבֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז דִי יָאר זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף דִי פַאל אִיז מוּטָב שֶׁיְּחַלֵּל שַׁבָּת אַחַת וְכוּ׳; אִיז וָואס פְרֶעגְסְטוּ מִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?

אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַלֵיינְס וָואס צוּ טוּן - וָואס פְּרֶעגְסְטוּ מִיר?

בִּיטֶע נֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַיין צַייט, אַז דוּ פְּרֶעגְסְט און אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר - פְּרֶעג נִישְׁט אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיבֶּערְבֶּעטְן דַארְף מֶען נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט וֵוייגֶעטוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיבֶּערְבֶּעטְן דַארְף מֶען נָאר אֵיינֶעם וֶועם מֶען הָאט וֵויי גֶעטוּן; אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט זִיךְ אַלֵיינְס וֵויי - זָאל זִיךְ יֶענֶער אַלֵיינְס אִיבֶּערְבֶּעטְן. אַז אַייעֶר חַבֶרְ׳טֶע אִיז אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אַז אִיר הָאט אִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אַייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ׳; זִי בְּלָאזְט, זִי רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַייךְ - זָאל זִי זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְבֶּעטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה און עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ.

נֶעמְט אַייךְ גֶעזוּנְטֶע חַבֶרְ׳טֶעס, רִיכְטִיגֶע חַבֶרְ׳טֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי נְסִיעָה אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע, אָבֶּער עֶס לוֹינְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', א' סְלִיחוֹת, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ גֵייט דִי יָאר צְוֵויי וָואכְן, דִי וָואךְ אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן דִי וָואךְ, הוֹיבּ אָן הַיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְנְ'ס וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ'ן גְרִינְגֶער אוּן בֶּעסֶער מִיט שֵׁיינֶעם".

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָּאר אִיךְ מָארְגְן קַיין אוּמַאן; אִיךְ נֶעם מִיט מַיינֶע זִין פוּן דִי זֶעקְס יָאר אוּן אַרוֹיף. דִי פְּלַאן אִיז, מִיר פָּארְן קַיין פּוֹילְן, אִין פּוֹילְן וֶועלְן מִיר זַיין אִין לִיזֶענְסְק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן דָארְט וֶועלְן מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן; לוֹיט דִי פְּלַאן דַארְפְן מִיר אָנְקוּמֶען מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין אוּמַאן.

דִי נְסִיעָה אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע, אָבֶּער עֶס לוֹינְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זַיי מוֹחֵל דִי וָואס הָאבְּן דִיר וֵויי גֶעטוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', א' סְלִיחוֹת, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מַסֶּכֶת יוֹמָא אוּן מַסֶּכֶת סוּכָּה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּרִים קְבוּעִים וָואס מִיר הָאבְּן - אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען דִי מַסֶּכְתָּא פוּנֶעם יוֹם טוֹב וָואס קוּמְט,

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט דָאס אָנְרוּפְן אַ בַּאקְשִׁישׁ (אַ בָּאנוּס רוּפְט מֶען אִין אַרַאבִּישׁ בַּאקְשִׁישׁ).

זַיי מוֹחֵל אַלֶע וָואס הָאבְּן דִיר וֵויי גֶעטוּן, הַאלְט נִישְׁט קַיין הַאס אִין זִיךְ, הַאלְט נִישְׁט קַיין פַיינְטְשַׁאפְט אִין זִיךְ; חַזֵר אֱמוּנָה, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער.

אַז מִיר וֶועלְן רֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ פוּן שִׂנְאָה, פוּן נְקָמָה - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### עֶס אִיז אַ מִלְחָמָה פוּן דִי קְדוּשָּׁה מִיט דִי טוּמְאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, א׳ סְלִיחוֹת, כ״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי שְׁוֶועריִקַייטְן אִיז נָאר פוּן פָּארְאוֹיס, אֵיינְמָאל מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן - צֶעפַאלְט דִי גַאנְצֶע דִמְיוֹן; נִישְׁטָא קַיין גֶט, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט; פוּן פָּארְאוֹיס זֶעט עֶס אוֹיס שְׁרֶעקֶעדִיג.

וָואס בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער צוּ קֶענֶען קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן - אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל׳דִיגֶע זַאךְ, מֶען זֶעט קְלָאר וִוי דִי קְדוּשָּׁה שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי טוּמְאָה; גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז מֶען פָּארְט צוּ צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! אַלֶע פָּארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ זֵייעֶר רֶבִּי, וָואס דַארְף מֶען אַזוֹי שְׁלָאגְן אוּן פַּיינִיגְן דֶעם בְּרֶסְלֶב׳ן חָסִיד? אֶלָּא מַאי מוּז זַיין אַז דָא אִיז אַ מִלְחָמָה פוּן דִי קְדוּשָּׁה מִיט דִי טוּמְאָה.

דִי מְנִיעוֹת - אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ צֶעבְּרֶעכְן - וֶוערְט אַזוֹי זִיס, עֶס וֶוערְט נְעִימוֹ״ת, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

אִינֶעם לִיד פוּן רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זִינְגְט עֶר: ״שׁוֹמְרִים זֹאת תַּלְמִידָיו״, בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים טוּעֶן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, ״מִדֵּי

שָׁנָה בְּשָׁנָה לְהִתְרָאוֹת לְפָנָיו״, אַלֶע יָארְן צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, ״שׁוֹבְרִים עַל זֶה מְנִיעוֹת עֲצוּמוֹת״, מֶען צֶעבְּרֶעכְט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, ״כִּי זֶה תִּקּוּנָם הַמְיֻחָד לִפְנֵי יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קוּם צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א׳, כ״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תו), אַלֶעס דַארְף מֶען פָאלְגְן אַ צַדִיק, אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶר זָאגְט נִישְׁט קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל זָאגְן נִישְׁט קוּמֶען, זָאגְט דֶער רֶבִּי מֶען זָאל נִישְׁט פָאלְגְן, מֶען זָאל יָא קוּמֶען.

אַז דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעזָאגְט נִישְׁט קוּמֶען דִי יָאר וַוייל עֶס אִיז אַ שַׁעַת מִלְחָמָה - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ קוּמֶען. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר רַב רֶבִּי אַהֲרֹן עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, אוּן נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט צַעַר אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, שָׁם).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מִיר פִירְן זִיךְ אַלֶע צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיּוֹם תְּאַמְּצֵנוּ, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף פָארְן מִיר הַיינְט קַיין אוּמַאן, אִיךְ פָאר מִיט אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה. מִיר פָארְן קַיין פּוֹילְן, מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן דָארְט וֶועלְן מִיר פָארְן מִיטְן בַּאן קַיין אוּמַאן.

פַּאק זִיךְ אַיין אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער אַ וַוייסֶע קִיטְל, מִיר פִירְן זִיךְ אַלֶע צוּ גֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייס. דִי יָאר וֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוֹם שַׁבָּת - דַארְף מֶען נִישְׁט אַיינְפַּאקְן דִי שְׁוַוארְצֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, דִי יָאר גֵייט מֶען נָאר וַוייס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְפַּאקְן שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב'דִיגֶע קְלֵיידֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע קְלֵיידֶער, כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ.

אַ טֵייל שֶׁערְן זִיךְ אָפּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אֵיידֶער מִיר לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף דִי נְסִיעָה, אַ טֵייל שֶׁערְן זִיךְ אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי עֵצָה אוֹיף אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ א', כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת אִין מְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מִיר הָאבְן אַסַאךְ גֶערֶעדְט וֶועגְן צֶעבְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן שׁוּל זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן מְנִיעוֹת, פוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אוֹיךְ רֶעדְן פוּן אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת; בַּיי דִי אִינְגֶעלַייט וָואס

פָאֹרְן שׁוֹין כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים, קֵיינֶער שְׁטֶערְט זֵיי נִישְׁט, דִי מִשְׁפָּחָה לָאזְט זֵיי פָאֹרְן, אָבֶער אִין זֵיי דְרֵייט זִיךְ דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה מִיט אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים, בְּעִיקָר פוּן 'אַלְט אוּן קַאלְט', מִיר דַארְפְן חִיזוּק צוּ פָאֹרְן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וְוִי מִיר זֶענֶען גֶעפָאֹרְן דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן".

אִיז בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי עֵצָה אוֹיף אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מו): "וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ", דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹ מֵהַצַּדִּיק", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אוֹיפְן צַדִּיק, "זֹאת הַמְּנִיעָה מוֹנֵעַ אוֹתוֹ יוֹתֵר מִכָּל הַמְּנִיעוֹת", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צוּרִיק-הַאלְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט אַ גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, מֶען ווִיל פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן מֶען זוּכְט אַ תִּיקוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְוָוארְפְן וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט - דַאן וֶועט אִים גָארְנִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס, עֶר פַארְלִירְט זַיין אֱמוּנָה, עֶר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ'? וָואס דַארְף אִיךְ פָאֹרְן קַיין אוּמַאן?' דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְנִיעָה. אוֹיף דֶעם אִיז דִי עֵצָה: "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב", צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, וַוייל "קֻ'שְׁ'יָ'א" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: שְׁ'מַע יְ' קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא, "שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה", מֶען דַארְף וַויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל וֶוערְן אַ נֵייעֶר מְקוּרָב, אִיךְ ווִיל פָאֹרְן קַיין אוּמַאן מִיט אַ בְּרֶען אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי קַאלְט, אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אַזוֹי בְּעֶנְקֶען צוּ דִיר, אִיךְ פְלֶעג אַזוֹי וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, יֶעצְט בִּין אִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן, אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט, אַזוֹי פַארְקְלַאפְּט; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל

**זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן דִיךְ דִינֶען מִיט מַיין גַאנְצֶע כֹּחַ".**

דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע מְנִיעוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אוּן וֶוערְן פְּרִישׁ מְקוֹרָב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מִיר זֶענֶען צוּרִיק מִיט פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען נֶעכְטְן נַאכְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר זֶענֶען צוּרִיק מִיט פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ מְזַכֶּה זַיין אַלֶע אִידְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

חֲזַק וֶאֱמָץ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן אַבִּיסְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

גֶעדֶענְק, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ נִצְחִיוּת, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט זִיךְ מִיט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מֶען מוּז הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען מוּז הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת אִין דִי טֶעג וָואס עֶס גֵייט אָן דִי הַרְחָקוֹת;

נִישְׁטָא קַיין הֶיתֵּר, נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מֶען קֶען מֵקִיל זַיין, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען הַאלְט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת קֶען מֶען זֵייעֶר בִּיטֶער אָפְּשְׁנַיידְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת יג.) אֵיינֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת פוּן הַרְחָקוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; מֶען הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶם יָאר, זָאלְט אִיר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן הִיטְן דִי הֲלָכוֹת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## רֶעד מִיט דַיין וַוייבּ אִירֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר זָאלְסְט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז דוּ פָארְסְט מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל זִי שְׁפִּירְט אַז זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב בַּיי דִיר, דוּ הַאלְסְט דֶעם רֶבִּי׳ן חָשׁוּבְ׳עֶר וִוי אִיר - זָאלְסְטוּ אִיר אַוַדַאי אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז דוּ פָארְסְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר הַאלְטְן זֵייעֶר טֵייעֶר, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן נָאר גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ זָארְגְן פַאר אִיר אַז זִי זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי נֶענְסְטֶע צוּ דִיר.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט עֶר אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּ זַיין וַוייבּ פוּן אֱלֹקוּת בִּיז זַיין וַוייבּ פְּרֶעגְט אִים אֵיין טָאג: ״וֶועם דַארְפְסְטוּ מֶער, מִיךְ אָדֶער אֱלֹקוּת?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אַוַדַאי אֱלֹקוּת״; דֶער אִיד זָאגְט מִיר: ״עַד הַיּוֹם לַייד אִיךְ פוּן דֶעם...״ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט דֶעם לִימוּד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מוֹהֲרָא״שׁ זָאל אִים עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ. מוֹהֲרָא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז, מִיט אַ וַוייבּ רֶעדְט מֶען אִירֶע זַאכְן, מֶען לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ, מֶען רֶעדְט פוּן קְלֵיידֶער, פוּן אַיינְקוֹיפְן, פוּן שִׁיךְ אוּן שְׁטְרוּמְפּ וָואס זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע קָאלִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳

און מֶען וַוארְפְּט אַמָאל אַרַיין בְּרֶעקְלֶעךְ אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק רֶבִּי יוֹנָה, וֶוען מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אִין שְׁטוּב עֶסְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶר גֵייט אַיינְקוֹיפְן, און לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת; עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ טִיפֶע טָאל און דָארְט הָאט עֶר זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר מִיט אִיר גֶערֶעדְט אִיר שְׂפְּרַאךְ, נִישְׁט פוּן אֱלֹקוּת, נִישְׁט הֶעכֶער פוּן אִיר דַּרְגָּא; עֶר הָאט גֶערֶעדְט דִי בִּיזְנֶעס שְׂפְּרַאךְ, אַז עֶר זֶעט אַז דִי פְּרַייז גֵייט פַאלְן, טְרַאכְט עֶר עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען אַיינְקוֹיפְן מָארְגְן.

שְׁרַייבּ אוּנְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ. אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אַזַא מַעֲשֶׂה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין צִימֶער וֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אִים, זִי וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִים - בִּיז עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר פָארְט מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן, זִי פַארְלַאנְגְט עֶר זָאל אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ פָארְסְט מֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ זָאגְסְט צוּ - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן, דוּ זָאגְסְט צוּ דוּ פָארְסְט מֶער נִישְׁט, פִּינְטְל". אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע יִצְחָק (בְּרֵאשִׁית כז, יט): "אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן, ט; הוּבָא בְּרַשִׁ"י) עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָנֹכִי", אִיךְ בִּין, פִּינְטְל, אִיךְ בִּין וֶוער אִיךְ בִּין, "עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ", עֵשָׂו אִיז דַיין בְּכוֹר. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים: "דוּ טְרַאכְט, אִיךְ זָאג צוּ אִיךְ פָאר נִישְׁט מֶער", פִּינְטְל, וואוּ? צוּ דִי לְבָנָה, און מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים: "זָאלְסְט טַאקֶע מֶער נִישְׁט פָארְן צוּ דִי לְבָנָה, קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָאר אִיךְ יֶעדֶע יָאר"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶענֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּרִיק מִיט זַיין וַוייבּ און עֶר פָארְט יֶעדֶעס יָאר קַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט.

מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, און

אַז דַיין וַוייב אִיז אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, זִי שְׁפִּירְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִיר נִישְׁט אוּן זִי זָאגְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם - זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז זִי זָאל דָאס נִישְׁט שְׁפִּירְן, זִי זָאל שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז נוּמֶער אֵיינְס בַּיי דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיז לְטוֹבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בָּארָא פַּארְק

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ מוֹחֵל זַיין דִי לֶערֶערִין אוּן דִי מְנַהֶלֶת וָואס הָאבְּן אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט אַייעֶר טָאכְטֶער וְכוּ׳; נֶעמְט אַרַיין אִין אַייךְ דִי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער, אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ - אַלֶעס אִיז פַאר אַייעֶר טוֹבָה אוּן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶערְ׳ס טוֹבָה; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס אָדֶער גוּטְס אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דִי וָואס טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף; וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר וֶוער עֶס טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן אִיד, וֶוער עֶס פַּיינִיגְט אַ צְוֵוייטְן בַּאקוּמְט אַ שְׁטְרָאף פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אַז קֵיינֶער אוּן טַאקֶע קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, חַזֶרְ׳ט אַייךְ אֱמוּנָה, גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר אַייךְ צוּ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ זָאגְט: ״אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע גֵיהִנוֹם פַאר דִי פְּרִינְצִיפְּלְס וָואס פַּיינִיגְן אִידִישֶׁע מַאמֶעס אוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שֶׁעצְן דִי מַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מִידוֹת, זֶעלְטְן צוּ גֶעפִינֶען אַזַא אֵיידֶעלֶער, אַזַא בַּר דַּעַת אוּן אַן עֶרְלִיכֶער, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין פַּאר אַייךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע זַאךְ אִים אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוּן אִים שֶׁעצְן; וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אַ נַארִישֶׁער, אַ נִישְׁט קְלוּגֶער - אִיז אוֹיךְ דָא וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן, אִיז זִיכֶער אִין אַייעֶר פַּאל וָואס אִיר הָאט אַ קְלוּגֶער מַאן, אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מַאן - דַארְף אַייךְ זַיין גְרִינְג אִים צוּ שֶׁעצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף יוֹם הַקָדוֹשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע שִׂנְאָה פוּן הַארְץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּענְקְט צוּם רֶבִּי׳ן - זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן. יֶעצְט דַארְפְן מִיר זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף יוֹם הַקָדוֹשׁ, מִיר דַארְפְן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע שִׂנְאָה פוּן הַארְץ, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אַלֶעמֶען, אוּן זוּכְן צוּ פַארְמֶערְן שָׁלוֹם מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

**וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁמוּץ פוּן זִיךְ? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן מִיר, אִיךְ וִויל יֶעדְן אֵיינֶעם לִיבּ הָאבְּן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן".**

אִיךְ בִּין נָאךְ אַבִּיסְל אַסַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי נְסִיעָה פוּן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל הָאבְּן כֹּחַ צוּ גֶעבְּן מָארְגְן דֶעם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**קְלוֹיבּ מִיר אוֹיס אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ זִיסֶע יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג; אִיךְ וִויל נֶעמֶען אַ מָארָאקַאנֶער אֶתְרוֹג, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מָארָאקָא - זָאל זַיין אַ יַאנֶעוֶוער.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ אוֹיבּ דוּ הָאסְט פַאר מִיר אַן אֶתְרוֹג, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן אֵיינֶעם אִין שְׁטֶעטְל זָאל מִיר דָאס אַרֵיינְשִׁיקְן, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים, דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר לִינְדֶען, נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

אַ אִיד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַזוֹי ווִי אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעזָאגְט: "קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן טוֹיזְנְט מָאל 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיךְ'? זָאג דֶעמָאלְט טוֹיזְנְט מָאל 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם'"; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס נִישְׁט גֶענוּמֶען פַאר אַ תֵּירוּץ נִישְׁט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל מֶען דַארְף מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן.

נֶעם צוּזַאמֶען דִי אִינְגֶעלַייט אִין לִינְדֶען אוּן רֶעד צוּ זֵיי דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים. תשפ"ד אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּ'שׁוּטְ'עֶ דְ'יבּוּרִים; נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת.

גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### טְרַאכְטְן גוּט אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק אָנְשְׁרַייבְּן אוּן פַארְזִיגְלֶען אַ זִיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר; פַאר עֶנְק אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

טְרַאכְטְס גוּט וֶועט אַייךְ זַיין גוּט; דִי מַחֲשָׁבָה הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אַז וָואס מֶען טְרַאכְט - דָאס פַּאסִירְט.

אַמָאל הָאט אָדְל - דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער - זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, דֶער רֶבִּי אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער", הָאט אָדְל גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַזוֹי טְרַאכְטְן בִּשְׁעַת אִיךְ שְׁפִּיר שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג?" הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: "דִי מַחֲשָׁבָה הָאט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טְרַאכְטְן - וֶועט אַזוֹי זַיין".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה, צוּ טְרַאכְטְן גוּט אוּן צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**נָאכְן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, קֶען מֶען אַהֵיימְלוֹיפְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט צֶעבְּרָאכְן דִי מְנִיעוֹת אוּן גֶעקוּמֶען מִיט דַיין זוּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי, עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען אַזַא רֶבִּי וָואס עֶנְק הָאבְּן - וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס"; לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן פוּן רֵיישָׁא אִיבֶּער פִּיפְצְן שָׁעָה, דָאס צוּ וָואקְן מִיט דִי פִּיס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוילַאנְג עֶס קֶען נֶעמֶען... אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן אוֹיף צוּרִיק וָואס וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט גֶעלָאפְן"; וַוייל נָאכְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן הֶערְן אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת - קֶען מֶען אַהֵיימְלוֹיפְן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר - פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

...

**עֶר וֶועט זֵיי אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן פַאר זַיין תַּאֲוות מָמוֹן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער שָׁלוֹם בַּיִת [חָרוּב-] מַאכֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר דַיין אֵיידֶעם אוּן טָאכְטֶער זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אִיךְ בִּין גְרֵייט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ צַייט פַאר דֶעם; לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ זֵיי ווילְן קוּמֶען צוּ מִיר.

שׁוֹמוּ שָׁמַיִם, וָואס דִי שָׁלוֹם בַּיִת [חָרוּב-]מַאכֶער טוּעֶן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוֹיף דֶעם הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"ש אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט, וִוי מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֵיין צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת [חָרוּב-]מַאכֶער. דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן פוּן אַ חָרוּב מַאכֶער אִיז - אַז עֶר נֶעמְט גֶעלְט, דָאס אִיז שׁוֹין אַ רוֹיטֶע לָאמְפּ, דָאס וַוייזְט אַז עֶר דַארְף דָא פַּרְנָסָה; וֶועט עֶר זֵיי אִין דֶער עֶרְד לֵייגְן פַאר זַיין תַּאֲוות מָמוֹן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בְּרוּדֶער, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, שְׁטַארְק זִיךְ; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ זֵיי ווילְן זִיךְ לָאזְן רֶעדְן צוּ מִיר.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מִיר עֶרְוַוארְטְן נִישְׁט קַיין מַתָּנוֹת, מִיר זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶערְמַאן זִיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אִין דִי סְקִילְמַאן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דֶער קוּמְט נָאךְ דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז אוּן אוֹיבּ דֶער קוּמְט; וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֵיין״, זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא״ש דִי וֶוערְטֶער: ״אַ גֶענֶערַאל שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ אִין מִלְחָמָה וֶוען עֶס פַאלְט אַ זֶעלְנֶער״.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיךְ גוּט אָנְגֶעגְרֵייט; דִי וֶוערְטֶער קְלִינְגֶען מִיר אִין דִי אוֹיעֶרְן, אוּן וֶוען עֶס גֶעבְּט אַ צִיפּ אִין הַארְץ וִוי דֶער מְקוֹרָב הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט אוּן וִוי דִי מִשְׁפָּחָה הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ שְׁטֶעל נִישְׁט אָפּ דִי מִלְחָמָה פַאר קַיין שׁוּם פְּרַייז אוֹיף דֶער וֶועלְט.

עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין נָאר מִיט וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען (שְׁמוּאֵל א ל, ו): ״וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּה׳ אֱלֹקָיו״.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

נָאךְ סוּכּוֹת וֶועלְן מִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוֹבֵעַ זַיין דִי זְמַן הַחֲתוּנָּה.

אִיךְ שִׁיק מַתָּנוֹת, אָבֶּער דוּ פִיר זִיךְ מִיט דַיינֶע מִנְהָגִים. מִיר עֶרְוַוארְטְן נִישְׁט קַיין מַתָּנוֹת, מִיר זֶענֶען צוּפְרִידְן מִיט דִי שִׁידוּךְ אַלֵיינְס.

...

## גֶעבְּן דִי גֶעפִיל פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ זִיסֶע יָאר מִיט הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג. דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז הַיינְט אַזוֹי גְרִינְג צוּ מְקַיֵים זַיין, מִיט אֵיין טֶעלֶעפָאן רוּף קֶען מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא; מִיט אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס זֵיי מַאכְן אוּן זֵיי גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז מֶען זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי בֶּעסְטֶע בְּרָכוֹת.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ אָפְּגִיסְן "נֶעגְל וַואסֶער"; אַז דִי מַאמֶע גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט - אִיז דָא קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען אִיז מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן צוּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן דִי דִינִים פוּן דִיר עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן, וָואס אִיז חֲסָדִים גְּדוֹלִים וְרַחֲמִים גְּמוּרִים אָן קַיין דִינִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן צוּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, אוּן פַארְן זָארְגְן פַאר מִיר אוּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע רֵייזֶע אַהִין אוּן צוּרִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ זִיסֶע יָאר, נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן הַצְלָחָה בְּכָל עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, דַארְפְן עֶנְק גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, דַארְפְן עֶנְק גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאךְ לִיכְטִיג וֶוערְן פַאר עֶנְק.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק, אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה; אִיךְ וֵוייס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר אַ זְכוּת אִיר זָאלְט שׁוֹין נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### יוֹם הַכִּפּוּרִים שְׁנַת ה'תשפ"ד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, גָאט'ס נָאמֶען, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי קְרִיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יוֹם כִּיפּוּר הָאט מֶען אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, מִיר הוֹיבְּן אָן אַ נֵייעֶם בְּלַאט, מִיר זֶענֶען אַרוֹיס רֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי אוּנְז אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין; דִי דַאוֶונֶען מִיט דִי דְרָשׁוֹת, דִי נִיגוּנִים - אַלֶעס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל פִירְן דֶעם מִנְיָן, דַאוֶונֶען פַארְן עָמוּד אוּן זֶען

אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף זִיךְ פִירְן. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן דִי יָאר הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן זֶען עֶס זָאל פָּארְקוּמֶען שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע תְּפִילוֹת אוּן פְרֵיילִיכֶע הַקָּפוֹת. עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין שְׁטֶעטְל; עֶס פֶּעלְט אוֹיס עֶס זָאל זַיין שֵׁיינֶע תְּפִילוֹת אוּן פְרֵיילִיכֶע הַקָּפוֹת.

בַּיי אוּנְז אִיז גֶעוֶועןן הֶערְלִיךְ שֵׁיין, מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת. אִיךְ וִויל דִיר אַבִּיסְל מִיטְטֵיילְן דוּ זָאלְסְט וויסְן וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס פַאר אַ שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען מֶען זָאגְט אוּן וָואס מֶען לָאזְט אוֹיס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר אָבֶּער דוּ קֶענְסְט דָאס אוֹיפְהֶענְגֶען אִין שׁוּל בַּיי עֶנְק; עֶס אִיז דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע חִיזּוּק פַאר אַלֶעמֶען, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ דָאס וַוייזְן פַאר אַלֶע גַבָּאִים.

***לֵיל כָּל נִדְרֵי***

פוּנֶעם זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת הָאט זִיךְ דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אָנְגֶעפִילְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעסְט, זֵייעֶר אַסַאךְ אֵיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, פוּן מָאנְסִי אוּן פוּן בָּארָא פַּארְק, אוֹיךְ דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען.

מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט דִי תְּפִילַּת זַכָּה, אוֹיךְ דִי ווִידוּי הַגָּדוֹל לְרַבֵּנוּ נִיסִים זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער אֵיידֶער כָּל נִדְרֵי, נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶער וָואס קֶען זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פַייעֶר אִין אַ שְׁטָאט, אִיז דֶער שַׁמָּשׁ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן שְׁרֵייעֶן: "רַבּוֹתַי, עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר, רַאטֶעוֶועט זִיךְ"; לִכְאוֹרָה דֶער שַׁמָּשׁ אִיז דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, אִיז וָואס עֶפֶּעס שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס שְׁרֵייעֶן: "רַבּוֹתַי... עֶס בְּרֶענְט...!!!" נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אַז דָא קוּקְט מֶען וֶוער עֶס קֶען אוֹיפְוֶועקְן דֶעם עוֹלָם, נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז מֶער, וֶוער עֶס אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אוֹיסְגֶעפִירְט בַּיים כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה: "רַבּוֹתַי, אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער פוּן עֶנְק, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן,

אָבֶער אִיךְ בִּין דֶער שַׁמָּשׁ, אִיךְ וִויל עֶנְק אוֹיפְוֶועקְן, דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁרֵייעֶן 'רַבּוֹתַי', עֶס בְּרֶענְט, מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע טָאג, לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ".

## *דְּרָשַׁת כָּל נִדְרֵי*

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, ל): "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", אִיךְ הָאבּ גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק וָוארְט בַּיי וָוארְט, וַוייל דֶער פָּסוּק אַלֵיינְס - אִיז דִי בֶּעסְטֶע חִיזוּק, צוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ טָאג וָואס עֶר רֵיינִיגְט אוּנְז אָפּ, אוּן מִיר וֶוערְן רֵיין פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם דָאפְּלְטְן לָשׁוֹן, 'כִּי בַיּוֹם הַזֶּה', וַוייל אִין דֶעם טָאג יוֹם כִּפּוּרִים, 'יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם', טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְצֵייעֶן, 'לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם', אוּנְז צוּ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל, 'לִפְנֵי ה'', פַארְן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, 'תִּטְהָרוּ' - וֶוערְט אִיר רֵיין; וָואס דַארְף עֶר אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל 'לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ' אַז מִיר וֶוערְן רֵיין?!

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה ב): "וְיָעִיד עָלָיו יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת שֶׁלֹּא יָשׁוּב לְזֶה הַחֵטְא לְעוֹלָם", תְּשׁוּבָה אִיז נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וָואס עֶר זֶעט אַלֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן - וֶועט עֵדוּת זָאגְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע וָואס עֶר זָאגְט, אוּן עֶר טוּט טַאקֶע תְּשׁוּבָה; יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען יוֹם כִּפּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וִוילְן תְּשׁוּבָה טוּן, קוּמֶען אַלֶע מְקַטְרְגִים אוּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּנְז. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, בַּאשַאפְט עֶר מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה אַזוֹיפִיל קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מָאנֶען מֶען זָאל גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט תְּשׁוּבָה טוּן, הוֹיבְּן זֵיי אָן פַארְפִירְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט, אַזוֹי וִוי מֶען קֶען צוּמָאל הֶערְן פוּן בַּעֲלֵי דַּרְשָׁנִים וִוי זֵיי קְלַאפְּן דֶעם עוֹלָם, אַז תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, זֵיי זֶענֶען מַבְאִישׁ רֵיחַ, זֵיי רֶעדְן קֶעגְן אִידְן, דָאס אַלֶעס אִיז אִין הִימְל פוּן דִי מְקַטְרְגִים, וִוי זֵיי לָאזְן אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט דֶעם צֶעבְּרֶעכְט מֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת בַּיי

מֶענְטְשְׁן: 'אִיךְ מֵיין עֶס סֵיי וִוי נִישְׁט עֶרְנְסְט', 'אִיךְ הַאלְט סֵיי וִוי נִישְׁט בַּיי אֱמֶתְ'עֶ תְּשׁוּבָה', בִּיז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי מְיוּאָשׁ אַז מֶען לָאזְט אָפּ אִידִישְׁקֵייט.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק: "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", וֶוען אַלֶע מְקַטְרְגִים זָאגְן 'פַארְוָואס זָאל מֶען מוֹחֵל זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער? זֵיי מֵיינֶען עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט, זֵיי זָאגְן נָאר מִיטְן מוֹיל אַז זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אָבֶער עֶכְט מֵיינֶען זֵיי עֶס נִישְׁט', אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק 'לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַרֵיין אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער 'יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת בְּיוֹם דִּין', עֶר זֶעט אוּנְזֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי שְׁטַארְק מִיר ווִילְן זַיין גוּט, 'לְצוֹפֶה נִסְתָּרוֹת בְּיוֹם דִּין', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶע פַארְבָּארְגֶענֶע זַאכְן, עֶר זֶעט דִי הַארְץ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי אַלֶע ווִילְן זַיין גוּט, נָאר מֶען הָאט אַזַא שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרָע, מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, 'לִפְנֵי הַשֵּׁם' פַארְן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְן מִיר רֵיין.

*מוֹחֵל זַיין אַנְדֶערֶע*

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, 'וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מוֹחֵל זַיין אַנְדֶערֶע וֶוען זֵיי הָאבְּן אוּנְז שְׁלֶעכְט גֶעטוּן? מִיר ווִילְן אַלֶעמֶען מוֹחֵל זַיין, אָבֶער עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער, מִיר שְׁפִּירְן וִוי מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעבְּן, וָואס אִיז דִי עֵצָה?' אַז מֶען נֶעמְט אַרֵיין אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען חַזֶרְ'ט זִיךְ 'אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס דֶעם מֶענְטְשׁ, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וֵויי טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אַלֶעס אַלֶעס קוּמְט פוּן אוֹיבְן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן' - נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען מֶעג וֵויי טוּן וַוייל אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן; אוֹיב מֶען טוּט וֵויי, מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען פַארְשֶׁעמְט - מוּז מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען מוּז אִיבֶּערְבֶּעטְן, אַז נִישְׁט בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ; מֶען רֶעדְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז וֵויי גֶעטוּן גֶעוָוארְן, מֶען רֶעדְט צוּם פַארְשֶׁעמְטֶער, עֶר זָאל ווִיסְן, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ חַזֶרְ'ן דִי אֱמוּנָה - דֶעמָאלְט וֶועט אִים זַיין גְרִינְג יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל זַיין, אַז עֶס אִיז 'לִפְנֵי ה'', מֶען וֵוייסְט אַז מֶען שְׁטֵייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז

פוּן אִים, דֶעמָאלְט - 'תִּטְהָרוּ' וֶוערְט מֶען רֵיין, דָאס הַארְץ אִיז רֵיין, מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין פַיינְטְשַׁאפְט צוּ קֵיינֶעם.

***בַּעֲלֵי מוּסָר***

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן, הַלְוַאי אַז אֵיינֶער וֶועט דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן, אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט דִי דִיבּוּרִים. עֶס אִיז וִויכְטִיג פַּאר אַ גַאנְץ יָאר, נִישְׁט נָאר פַּאר לֵיל כָּל נִדְרֵי. וַוייל דֶער שָׂטָן פַארְדְרֵייט אַזוֹי דֶעם קָאפּ, אוּן לֵיידֶער אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען דִי אַמָאלִיגֶע בַּעֲלֵי מוּסָר וָואס צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען. מֶען הַאלְט דְרָשׁוֹת אַז תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי דִבְרֵי נָאוּץ וָואס זֵיי רֶעדְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד) אַז מֶען טָאר נִישְׁט נָאכְזָאגְן וֶוערְטֶער פוּן כְּפִירָה, אֲפִילוּ מֶען וִויל נָאר זָאגְן וָואס יֶענֶער זָאגְט, אֲפִילוּ מֶען הַאלְט נִישְׁט וִוי יֶענֶעם, מֶען וִויל נָאר אִיבֶּערְזָאגְן - טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן אוּן עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַז 'מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זַיין וואוּיל', אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְזָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוּיל, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, בְּרֶענְג מִיךְ צוּ דִיר", וִוי חָשׁוּב דָאס אִיז, אוּן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

***מַיין דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד***

דִי דְרָשָׁה אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין לַאנְגֶע דְרָשָׁה, עֶס אִיז גֶעוֶוען קוּרְץ, אָבֶּער דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דִי אַלֶע טְרֵיפָה'נֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס כַאפְּן זִיךְ אַרַיין, מֶען טְרַאכְט 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען? אִיךְ בִּין סֵיי וִוי אַ פַארְפַאלֶענֶער, אִיךְ בִּין סֵיי וִוי אַ שֵׁיגֶץ, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט, מַיינֶע תְּפִילּוֹת

זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב׳, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען הָאט רַאֲיוֹת, אַז מֶען קֶען נִישְׁט וַויינֶען, מֶען אִיז טְרוּקְן, מֶען אִיז פַארְקְלַאפְּט, מֶען זֶעט אַ גַאנְצֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ווִי יֶעדֶער דַאוֶונְט, ׳יֶעדֶער גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, אוּן נָאר אִיךְ בִּין אַזוֹי טְרוּקְן׳; דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּרִיתוּת ו:): ׳כָּל תְּפִלָּה שֶׁאֵין בָּהּ מִתְּפִלַּת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אֵינָהּ תְּפִלָּה״, מִיר הָאבְּן דֶערְמַאנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, ווִי דֶער רֶבִּי הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאט דִי טְרֵיפָה׳נֶע מַחֲשָׁבוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רצה) אַז דַיְקָא דוּרְךְ אִים וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַלֶע תְּפִילוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים, טְרַאכְט אַזוֹי: ׳הֲלֹא אִם אֲנִי רָחוֹק בְּעֵינַי מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כָּל כָּךְ מֵחֲמַת רִבּוּי עֲוֹונוֹתַי׳, אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּלִיבּ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, ׳אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עִקַּר שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה עַל יְדֵי דַּיְקָא׳, קוּמְט אוֹיס אַז נָאר דוּרְךְ מִיר וֶועלְן אַלֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳כִּי הֲלֹא אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז״ל (כְּרִיתוּת ו:) ׳כָּל תְּפִלָּה שֶׁאֵין בָּהּ מִתְּפִלַּת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אֵינָהּ תְּפִלָּה׳, נָאר דוּרְךְ תְּפִילוֹת פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה גֵייעֶן אַרוֹיף דִי תְּפִילוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל, ׳וְיַלְפִינָן מִקְּטֹרֶת שֶׁהָיָה בָּהֶם חֶלְבְּנָה׳, מֶען לֶערְנְט דָאס אַרוֹיס פוּן דִי קְטֹרֶת. ׳וְאִם כֵּן, אִם אֲנִי בְּעֵינַי כְּפוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם׳, אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט - ׳אִם כֵּן אַדְּרַבָּא, כָּל שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה עַל יְדֵי דַּיְקָא וְכַנִּזְכָּר לְעֵיל׳, אִיז דוּרְךְ מִיר וֶועט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילוֹת; דָאס דַארְף מִיךְ מַאכְן דַאוֶוענֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער, עַיֵּין שָׁם.

***אַ קְרֶעכְץ פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ***

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.), דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָאס גְרֶעסְטֶע זַאךְ תְּפִילוֹת וָואס קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, עֶר הָאט גֶעזֶען דִי תְּפִילוֹת פוּן אַן אָרֶעמַאן, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, אַנְדֶערֶע תְּפִילוֹת וֶוערְן צוּמָאל אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ מַלְאָכִים. וֶוען דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאנְ׳ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): ״תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה׳ אָזְנְךָ עֲנֵנִי״,

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אוּן הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָּעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַריינְמִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענִיגְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקֶל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַּארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ מִינוּט פַארְדֶעם קַיין אַנוּנְג וָואס אִיךְ גֵיי זָאגְן, אִיךְ גְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אָן אֵיידֶער אִיךְ גֶעבּ אַ שִׁיעוּר, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען רִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים אוּן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען גוּטְס פוּן דִי וֶוערְטֶער.

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מִיר גֵייעֶן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי סֵפֶר תּוֹרָה אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאבּ יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן אִיךְ הָאבּ קְלָאר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ רַבִּים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל עֶס קוּמְט אוֹיס פֶעלֶער וָואס מֶען דַארְף זָאגְן וְכוּ' אוּן מֶען בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ.

***אוֹר זָרוּעַ לַצַּדִּיק***

מִיר גֵייעֶן אַרוּם דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיטְן סֵפֶר תּוֹרָה אַז אַלֶע זָאלְן קֶענֶען

אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי תּוֹרָה, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען הַאלְזְן אוּן קִישְׁן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער חַזָן זָאגְט פָאר דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צז, יא): "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זָאגְט נָאךְ הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. אוֹיךְ זָאגְן מִיר דִי פָּסוּק (שָׁם קיט, קלו): "פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ", אַלֶע בֵּייגְן זִיךְ צוּ צוּם סֵפֶר תּוֹרָה אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת, בְּעִיקָר אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וַוייל דָאס אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף: "הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה?" אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ:): "תְּחִלַּת דִּינוֹ שֶׁל אָדָם, אֶלָּא עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה", דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פְרֶעגְט מֶען אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; וַוייל אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם. אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען אַלֶעס, מֶען וֶוערְט פְרֵיי פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט פְרֵיי, "וְכָל מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֲרֵי זֶה מִתְעַלֶּה", אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן.

אַלֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן אַרוּמְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַרוּם צוּ נֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כָּבוֹד, סִימָן ז): "חִבּוּק הַסֵּפֶר תּוֹרָה מְסֻגָּל לְכָבוֹד", דוּרְךְ הַאלְזְן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כָּבוֹד; וַוייל אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי תּוֹרָה, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כָּבוֹד אֱלוֹקִי, מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְן אַרוּמְגֵיין דִי שׁוּל הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דִי שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן "קָם רַבִּי שִׁמְעוֹן סַלִּיק יָדוֹי לְגַבֵּי עֵלָּא".

## *כָּל נִדְרֵי*

מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען צְוֵוייא סִפְרֵי תּוֹרוֹת, אֵיין סֵפֶר הָאט דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א גֶעהַאלְטְן, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער סֵפֶר - דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל ר' יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער שְׁלִיטָ"א. אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ תְּפִילַּת כָּל נִדְרֵי; "עַל דַּעַת הַמָּקוֹם וְעַל דַּעַת הַקָּהָל" דְרֵיי מָאל, "כָּל נִדְרֵי" דְרֵיי מָאל, מִיטְן הֶערְלִיכְן נוּסָח וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל. דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל

הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁטִילֶער אוּן מֶען גֵייט אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, "וְנִסְלַח" דְרֵיי מָאל, אוּן "סְלַח נָא" מִיטְן נוּסָח וָואס מִיר זָאגְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיי "אָדָם יְסוֹדוֹ מֵעָפָר". דֶער עוֹלָם שְׁרַייט אוֹיס "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי", דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָינוּ הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם טָאג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. מֶען הָאט צוּרִיקְגֶעלֵייגְט דִי סִפְרֵי תוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בָּרְכוּ מִיטְן הֶערְלִיכְן נוּסָח, (קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שְׁנַת תשפ"ה וֶועט מֶען אוֹיךְ זָאגְן קַבָּלַת שַׁבָּת; יוֹם כִּיפּוּר וֶועט זַיין אוּם שַׁבַּת קוֹדֶשׁ).

נָאךְ שְׁטִילֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְן מִיר דִי סְלִיחוֹת 'יַעֲלֶה תַּחְנוּנֵנוּ' מִיט דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נוּסָח; אוֹי ווִי זִיס דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי סְלִיחוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיטְן נוּסָח - זֶענֶען, עֶס עֶפְנְט דִי הַארְץ, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאכְדֶעם זָאגְן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם 'שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה', אוּן דֶער חַזָּן פִירְט אוֹיס: 'הַנְּשָׁמָה לָךְ' דִי נְשָׁמָה אִיז דַיינְס, 'וְהַגּוּף שֶׁלָּךְ', אוּן דֶער גוּף אִיז דַיינְס, בֶּעטְן מִיר הָאב רַחְמָנוּת, 'ה' עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ', טוּ פַאר דַיין נָאמֶען. נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר 'דַּרְכְּךָ אֱלֹקֵינוּ' חַזָּן וְקָהָל, 'לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ עֲשֵׂה' חַזָּן וְקָהָל, 'אָמְנָם אֲשָׁמֵינוּ' לָאזְט מֶען אוֹיס, 'תַּעֲלֶה אֲרוּכָה' זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, נָאךְ 'וְרַב חֶסֶד לְכָל קֹרְאֶיךָ' זָאגְט מֶען דִי סְלִיחָה פוּן 'סְלַח נָא אֲשָׁמוֹת', אַזוֹי אִיז נָאכְדֶעם דִי זֶעלְבֶּע, מֶען זָאגְט 'קֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב' אוּן נָאךְ 'לְכָל קֹרְאֶיךָ' זָאגְט מֶען 'אָמְנָם כֵּן יֵצֶר סוֹכֵן', מֶען זָאגְט נִישְׁט 'אַל תָּבוֹא' אוּן 'כְּרַחֵם אָב'.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג אַ בַּעַל תְּפִלָּה זָאל זִיךְ פַּארְקוּקְן דָאס דַאוֶוענֶען אוּן דִי סְלִיחוֹת, דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס דַאוֶוענֶען וֶוען מֶען קֶען דִי טַייטְשׁ.

נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דִי פִּזְמוֹן 'כִּי הִנֵּה כְּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר'. דִי פִיר פִּזְמוֹנִים פוּן לֵיל כָּל נִדְרֵי 'יַעֲלֶה תַּחְנוּנֵנוּ', 'סְלַח נָא', 'אָמְנָם כֵּן', 'כִּי הִנֵּה כַּחֹמֶר', אַלֶע פִיר פִּזְמוֹנִים הָאבְּן הֶערְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נֶסְחָאוֹת וָואס מַאכְט אַזוֹי בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זִינְגְט דָאס הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל אוּן דֶער עוֹלָם בְּרוּמְט זִיךְ אוּנְטֶער מִיט אַ גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען

סְלִיחוֹת, ׳זְכוֹר רַחֲמֶיךָ׳. ׳אַל נָא תָּשֵׁת׳ זָאגְט חַזָּן וְקָהָל, מֶען לָאזְט אוֹיס ׳אוֹתְךָ אֶדְרוֹשׁ׳, מֶען זָאגְט ׳זְכוֹר לָנוּ׳, ׳שְׁמַע קוֹלֵנוּ׳. ׳אַתָּה מֵבִין׳ לָאזְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס, ׳שִׁמְךָ מֵעוֹלָם׳ זָאגְט חַזָּן וְקָהָל, נָאכְדֶעם עֶנְדִיגְט מֶען צוּ אַלֶעס בִּיז נָאךְ ׳אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ׳, ׳לְדָוִד מִזְמוֹר׳, אוּן מֶען זִינְגְט ׳תִּתְקַבֵּל׳ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן. נָאךְ עָלֵינוּ זִינְגֶען מִיר ׳אֲדוֹן עוֹלָם׳ אוּן מֶען זָאגְט דִי פִּיר עֶרְשְׁטֶע קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תְּהִלִּים.

מִיר זָאגְן שִׁיר הַיִּחוּד, מֶען שִׁיקְט צוּ צוּם עָמוּד יֶעדְן ׳יוֹם׳ אַן אַנְדֶערֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן בַּיים סוֹף, דִי לֶעצְטֶע יוֹם פוּן ׳אָז בְּיוֹם הַשְּׁבִיעִי׳, הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם.

***שַׁחֲרִית יוֹם הַקּוֹדֶשׁ***

מִיר הוֹיבְּן אָן דָאס דַאוֶוענֶען מִיט אַנְעִים זְמִירוֹת. מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פְּסוּקֵי דְּזִמְרָה, עֶר הָאט פָארְגֶעזִינְגֶען אַנְעִים זְמִירוֹת מִיט דִי חַבַּ״ד נִיגוּן וָואס זֵיי זִינְגֶען אוֹיף אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זִינְגְט פָּאר אוּן דֶער עוֹלָם עֶנְטְפֶערְט, נָאכְדֶעם זִינְגְט מֶען אֲדוֹן עוֹלָם מִיט דִי נוּסַח וָואס אַלֶע זִינְגֶען.

שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעדַאוֶוענְט, אִיךְ טְרַאכְט אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועל אִיךְ מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵויטְן, וַוייל אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאט מִיר דֶער גַּבַּאי גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען בַּיים עָמוּד, זַיין דֶער שְׁלִיחַ צִבּוּר, הֱיוֹת עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קַארְגֶער מִנְיָן, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, הָאט מֶען מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט פוּן כָּל נִדְרֵי בִּיז נָאךְ נְעִילָה פַארְן עָמוּד, אָבֶּער הַיינְט אִיז דִי קְהִלָּה שׁוֹין גְרוֹיס אוּן עֶס זֶענֶען דָא שֵׁיינֶע בַּעֲלֵי תְּפִילָּה, אִיז יָא גוּט עֶס זָאל זַיין צֶעטֵיילְט דָאס דַאוֶוענֶען. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס וַוייל אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְסְט וִויסְן וִוי צוּ פִירְן אִין שְׁטֶעטְל, וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דִי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים עֶס זָאל זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי יוֹצְרוֹת פַּאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל ׳אוֹר עוֹלָם׳, ׳סְלַח לְגוֹי קָדוֹשׁ׳, ׳חָטָאנוּ צוּרֵנוּ׳, חַזָּן וְקָהָל.

בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶעם הַארְצִיגְן שְׁטִיקְל ׳אֱמֶיךָ נָשָׂאתִי׳ הוֹיךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט, נָאכְדֶעם זָאגְן אַלֶע ׳אִמַּצְתָּ עָשׂוֹר׳, אוּן ׳תַּאֲוַת נֶפֶשׁ׳. ׳עַד יוֹם מוֹתוֹ׳ זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, ׳אֱנוֹשׁ מַה׳ לָאזְט מֶען אוֹיס, ׳אִחַדְתָּ יוֹם זֶה בַּשָּׁנָה׳ לָאזְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס. ׳מֶלֶךְ מַאֲזִין שַׁוְעָה׳ זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל אוּן מֶען זָאגְט גְלַייךְ נָאכְדֶעם ׳הַיּוֹם יִכָּתֵב׳ חַזָּן וְקָהָל. ׳אֶדֶר יְקָר אֵלִי׳ לָאזְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס׳, ׳אֲיֻמָּה בָּחַר׳ לָאזְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס, מֶען לָאזְט אוֹיס אַלֶעס בִּיז מֶען זִינְגְט ׳אִמְרוּ לֵאלֹקִים׳, אוֹיךְ זִינְגְט מֶען ׳מַעֲשֵׂה אֱלֹקֵינוּ׳. ׳אֲשֶׁר אֹמֶץ׳ זָאגְט מֶען, ׳עַל יִשְׂרָאֵל אֱמוּנָתוֹ׳ זִינְגְט מֶען, נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אַלֶעס אוֹיס בִּיז ׳הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה׳ - דָאס זִינְגְט מֶען, נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אַלֶעס אוֹיס בִּיז ׳לְיוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת׳ דָאס זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, ׳זֶה אֵל זֶה׳ זָאגְט מֶען אוֹיךְ חַזָּן וְקָהָל, אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען ׳לָקֵל עוֹרֵךְ דִּין׳, אוּן מִיר לָאזְן אוֹיס דֶעם לַאנְגְן שְׁטִיקְל פוּן ׳מִי יְתַנֶּה תֹּקֶף׳, מִיר גֵייעֶן גְלַייךְ צוּ ׳כֶּתֶר׳.

מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי סְלִיחוֹת צְווִישְׁן ׳וּבְכֵן׳. נָאךְ ׳יַעֲלֶה וְיָבוֹא׳ זָאגְט מֶען סְלִיחוֹת אָבֶער נִישְׁט אַלֶעס, מִיר לָאזְן אוֹיס ׳אֲדַבְּרָה׳ אוֹיךְ לָאזְן מִיר אוֹיס ׳אַתָּה מֵבִין׳, אוּן מִיר דוּכְנֶ׳ען יוֹם הַקּוֹדֶשׁ אוֹיךְ בַּיי שַׁחֲרִית.

שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב זָאגְן מִיר תִּיקּוּן הַכְּלָלִי נָאךְ תְּפִילַּת מוּסָף, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַקָּדוֹשׁ זָאגְן מִיר תִּיקּוּן הַכְּלָלִי נָאךְ שַׁחֲרִית. אוֹיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט שְׁפֶּעט אוּן מֶען וֵוייסְט אַז נָאךְ מוּסָף וֶועט נִישְׁט זַיין דֶער עוֹלָם דֶערְבֵּיי, זָאגְן מִיר תִּיקּוּן הַכְּלָלִי נָאךְ שַׁחֲרִית.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִקְוֶה אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן, אַלְס גַבְּאַי אִין שְׁטֶעטְל, צוּ אָפְן לָאזְן דִי מִקְוֶה. אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן יוֹם הַקָּדוֹשׁ מִיט מִקְרֵה לַיְלָה - זָאל עֶר זִיךְ גֵיין טוֹבֵל׳ן. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל לָאזְן אָפְן דִי מִקְוָאוֹת, אַז אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה - זָאל עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה.

***מוּסָף יוֹם הַקָּדוֹשׁ***

מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ שְׁטִיקְל פָּאזֶע פַאר מוּסָף אוּן אַ צְוֵוייטֶע פָּאזֶע פַאר מִנְחָה. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן ׳וָואס קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן אֵיין גְרוֹיסֶע פָּאזֶע?׳ אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם טַעַם, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן אִין

שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן מוֹהֲרָא״ש מֶען זָאל צֶעטֵיילְן דֶעם טָאג, נִישְׁט מַאכְן אֵיין גְרוֹיסֶע פָּאזֶע, וַוייל יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אַהֵיים גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען, יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט דַאוֶנֶען. אַזוֹי אוֹיךְ רוּפְט מֶען אוֹיס אַבִּיסְל קֶערְצֶער וִוי מֶען מַאכְט, אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין שׁוּל וְדַ״ל.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה. זַייט ר׳ מָרְדְּכַי אִינְדִיג הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט מִיטְן נוּסָח וָואס מֶען לֵיינְט יָמִים נוֹרָאִים, אָבֶּער בַּיי מִנְחָה לֵיינֶען מִיר נִישְׁט מִיטְן יָמִים נוֹרָאִים נוּסָח. דֶער גַּבַּאי שַׁבְּתַי מַארְקוּס הָאט פַארְקוֹיפְט דִי עֲלִיּוֹת, מִיט דִי גֶעלְט הַאלְטְן מִיר אוֹיף דִי שׁוּל, מֶען פֶּעינְט אִיבֶּער אוּן מֶען פַארְרֶעכְט דוּרְכְן יָאר וָואס עֶס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ קוֹיפְן אַן עֲלִיָּה, סַיי דָאס עוֹלֶה זַיין אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן סַיי דִי צְדָקָה פַארן רֶבִּינְ׳ס שׁוּל אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם אֶלְיָ׳ פְרִידְרִיךְ הָאט מִיר גֶעקוֹיפְט שִׁישִׁי, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ מִי שֶׁבֵּרַךְ פַאר אִים אוּן פַאר זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוֹיךְ פַאר מַיין טַאטֶע מַאמֶע, פַאר מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אוּן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן ׳אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ׳ מִיט דִי הַארְצִיגֶע נוּסָח פוּן ׳אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה׳, נָאכְדֶעם ׳הִנְנִי הֶעָנִי מִמַּעַשׂ׳. בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְן מִיר ׳שׁוֹשַׁן עֵמֶק׳, ׳יוֹם מִיָּמִים׳. ׳עוֹד בּוֹ נִשְׁמָתוֹ׳ זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, ׳צְפֵה בְּבַת׳ זָאגְן מִיר נִישְׁט. ׳נֶחְשַׁב כְּצָג׳ זָאגְן מִיר חַזָּן וְקָהָל, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן מִיר דִי גַאנְצֶע פִּזְמוֹן פוּן ׳אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק׳ חַזָּן וְקָהָל. אוֹיךְ זָאגְן מִיר ׳אֶת לַחֲשִׁי׳ חַזָּן וְקָהָל, ׳אֲדוֹן לַקּוֹל עַמְּךָ׳ חַזָּן וְקָהָל. ׳אִמְרוּ לֵאלֹקִים׳ זִינְגֶען מִיר, ׳מַעֲשֵׂה אֱלֹקֵינוּ׳ זִינְגֶען מִיר. ׳אֲשֶׁר אֵימָתְךָ׳ זָאגְן מִיר, ׳לְיוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת׳ זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, ׳אֵלוּ לְאֵלוּ׳ חַזָּן וְקָהָל, נָאכְדֶעם ׳וּנְתַנֶּה תֹּקֶף׳ וְכוּ׳.

מִנְחָה הָאט גֶעדַאוֶנְט ר׳ שְׁלֹמֹה לָאנְדָא נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט זֵייעֶר הַארְצִיג, זֵייעֶר שֵׁיין; עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט מִיטְן סַאטְמֶערֶע נוּסָח, דֶער עוֹלָם הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

תְּפִילַּת נְעִילָה הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט. אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר פוּן דִי פְּסוּקִים וָואס מֶען זָאגְט בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיר

זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן: "רוֹצֶה אַתָּה בִּתְשׁוּבָתָן שֶׁל רְשָׁעִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל מִיר זָאלְן אַלֶע תְּשׁוּבָה טוּן, "וְאֵין אַתָּה חָפֵץ בְּמִיתָתָן", עֶר ווִיל נִישְׁט דִי רְשָׁעִים זָאלְן שְׁטַארְבְּן, "שֶׁנֶּאֱמַר", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט, "אֱמֹר אֲלֵיהֶם, חַי אָנִי נְאֻם ה' אֱלֹקִים", אִיךְ שְׁווֶער, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע", אוֹיבּ אִיךְ וויל הַרְגֶ'ענֶען דֶעם רָשָׁע, "כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ", אִיךְ וויל עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "וְחָיָה", אוּן בְּלַייבְּן לֶעבְּן, "שׁוּבוּ שׁוּבוּ מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים", קֶערְט אַייךְ צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְלָמָּה תָמוּתוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל", אוּן פַארְוָואס זָאלְט אִיר שְׁטַארְבְּן, "וְנֶאֱמַר", אוּן עֶס שְׁטֵייט, "הֶחָפֹץ אֶחְפֹּץ מוֹת רָשָׁע", צוּ דֶען ווִיל אִיךְ שְׁטְרָאפְן דֶעם רָשָׁע, עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? "נְאֻם ה' אֱלֹקִים", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "הֲלוֹא בְּשׁוּבוֹ מִדְּרָכָיו", אִיךְ ווִיל עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "וְחָיָה", אוּן בְּלַייבְּן לֶעבְּן; אוֹי ווִי זִיס דִי ווֶערְטֶער זֶענֶען, עֶס צֶעפְּלַאצְט דִי הַארְץ פוּן זִיסְקֵייט, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מִיר ווֶעלְן לֶעבְּן.

מִיר בְּלָאזְן נִישְׁט שׁוֹפָר אִינְמִיטְן קַדִּישׁ; מִיר עֶנְדִיגְן קַדִּישׁ, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט בַּיי תִּתְקַבֵּל, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת.

נָאךְ קַדִּישׁ - בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, פִּינְקְט עֶלְף מִינוּט פַארְן זְמַן רַבֵּינוּ תָּם - הָאט דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "תְּקִיעָה גְּדוֹלָה!" אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבְּלָאזְן אֵיין תְּקִיעָה גְּדוֹלָה אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "לְשָׁנָה הַבָּא בִּירוּשָׁלַיִם!" אוּן הָאבְרֵךְ שִׁמְעוֹן אֵיינְהָארְן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד צוּ תְּפִילַּת מַעֲרִיב.

קִידּוּשׁ לְבָנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, בַּיי אוּנְז רֶעגְנְט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ צַייט; לָאמִיר הָאפְן אַז מִיר ווֶעלְן קֶענֶען מַאכְן קִידּוּשׁ לְבָנָה.

אִיךְ בִּין אַהֵיים מַאכְן הַבְדָּלָה, אוֹיסְגֶעפַּאסְט אוּן גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גוּט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג. דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס ווֶעק אִיךְ זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן, הָאבּ אִיךְ דִיר אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל פוּן אוּנְזֶער שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאף דוּ ווֶעסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

## *וָואס אִיז דִי פְּלִיכְט פוּן אַ גַבָּאִי*

דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַ וואוּנְדֶערְבַּארֶע פְּלַאץ, אוֹיב מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן אוּן זוּכְן דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן וֶועלְן מִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן דָאס אִיז דִי פְּלִיכְט פוּן דִי גַבָּאִים, אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין דֶעם עוֹלָם, מֶען זָאל טַאנְצְן נָאכְן דַאוֶונֶען, אוּן אַז מֶען זֶעט אֵיינֶער וָואס קְרִיגְט זִיךְ מִיטְן צְוֵוייטְן - זָאל מֶען אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יְסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם"; בַּיי דֶעם אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער אַ גַבַּאי, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ פַארְזוֹיעֶרְט זָאל מֶען יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה (שָׁם) וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כב.) רַב בְּרוֹקָא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא עֶר זָאל אִים וַוייזְן וֶוער דָא עֶס הָאט עוֹלָם הַבָּא, הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא גֶעוִויזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן: "זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא", אִיז רַב בְּרוֹקָא גֶעלָאפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וָואס טוּט אִיר?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען בַּדְחָנִים; וֶוען מִיר זֶעעֶן אַז מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, גֵייעֶן מִיר צוּ צוּ זֵיי אוּן מִיר מַאכְן זֵיי פְרֵיילִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע וֶוערְטְלֶעךְ, בִּיז זֵיי וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן מַאכְן שָׁלוֹם", דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

## *וֶוערְט נִישְׁט אַלְט*

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר - הַאלְט זִיךְ פְרִישׁ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן פְרִישׁ, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן רֶבִּי'ן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶע

גוּטֶע זַאךְ, אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

אַלְס קִינְד פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר וֵויינֶען בַּיי 'אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ לְעֵת זִקְנָה', אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט אַלְט וֶוערְן; אִיךְ הָאבּ אַ טָעוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט מֶען בֶּעט מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַן אַלְטֶער אִיד, הַיינְט וֵויין אִיךְ בַּיי דֶעם שְׁטִיקְל אִיךְ זָאל נִישְׁט אַלְט וֶוערְן, נִישְׁט אִין יָארְן, נָאר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, ווִי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה, אוֹת ה): "הִזְהִיר רַבֵּינוּ ז"ל עַל זֶה וְאָמַר", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעזָאגְט "שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַלְט, "הֵן צַדִּיק זָקֵן", נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִּיק, "הֵן חָסִיד זָקֵן", נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, "זָקֵן אֵינוֹ טוֹב", אַלְט אִיז נִישְׁט גוּט, "כִּי צְרִיכִים לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אַז מֶען וֶוערְט אַלְט, מֶען דַארְף זַיין פְרִישׁ אִין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף אִיךְ גֵיין בּוֹיעֶן מַיין סוּכָּה אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר הַיינְט אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, בַּיי הָאַבְרֵךְ דוּדִי נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע קַבָּלוֹת, אִים דִינֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, בְּעִיקָר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, מִיר וֵוייסְן פוּן אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן אִין הֲפָצָה, הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵימָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועְרְט גוּט צֶעשְׁטָאכְן

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֵייט אִין גַאס אוּן זֶעט ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אוּן וֵויינְט זֵייעֶר: "אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס וֶועט דָא זַיין, עֶס קוּמְט יֶעצְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן אַלֶע גֵייעֶן שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים אוּן מֶען גֵייט מִיךְ צֶעשְׁטֶעכְן..." אַזוֹי זָאגְט דֶער יֵצֶר הָרָע פַּאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע טָאג זֶעט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן, עֶר טַאנְצְט אוּן לַאכְט: "הָא הָא, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ לָאךְ אִינֶעם שִׁיף וָואס בְּרֶענְגְט דִי אֶתְרוֹגִים מִיט לוּלָבִים, אוּן דִי שִׁיף הָאט אַיינְגֶעזִינְקֶען, הַהַהַהַהַאא הַאאאאאא, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין ד' מִינִים, הַאא הַהַאא אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא מֶער פוּן דִי אִידְן".

נָאךְ סוּכּוֹת טְרֶעפְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ נָאכְאַמָאל דֶעם



אוֹי וַויי, דִי אִידְן צֶעשְׁטֶעכְן מִיךְ מִיט זַייעֶרע מִצְוֹת

יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, זֵייעֶר צֶעבְּלוּטִיגְט, עֶר זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דֶערְטְרֶענְקֶען דִי שִׂיף מִיט דִי ד' מִינִים, אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ פָּאר סֶעטְס ד' מִינִים אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַ גַאנְץ סוּכּוֹת מִיט אַזַא שִׂמְחָה, אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת אוּן גֶעוַוארְט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אֵיין שָׁאקְל מִיט דִי ד' מִינִים, דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי צֶעשְׁטָאכְן, דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי צֶעבְּלוּטִיגְט..."

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גוּט צֶעשְׁטֶעכְן דֶעם יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת, לָאמִיר אִים צֶעבְּלוּטִיגְן דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר וֶועלְן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב מִיט שִׂמְחָה, לָאמִיר טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: "אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד!"